76 U 192

פ. בימקא

רעקרוטען

147

פֿ. בּימקא.

רעקרוטען

צווייטע אויפלאַגע.

וואַרשע 1921,

נאָכדרוק פערבאָטען.
אַלע רעכט פון איבערזעצען
געהערען דעם מחבר. —
Copyright 1920
by Sol Schaikewitz
New-York.

דאָס שער-בלאַט געצייכענט פון הענריק בערלעווי.

DRUK. SZ. SIKORA i I. MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

בּיז צום פּריזיוו.

נעשלעגען.

אויף תּהלים.

.נאַ איספּיטאַניאַ.

אין שפּיטאָל.

אַ זעלנער.

בּיז צום פּריזיוו

באַלד נאָך פסח, מיט׳ן עֶרשטען לינדען שטראַהל פון דער זומערדיגער זון, הויבט זיך אָן אין די אַלע קליינע שטעדטלעך אַ נייע זאָרג — דער פריזיוו. חברה וואוילערס הויבען גלייך אָן צו מעקען און שטרייכען דעם צעטעל פון די ליאָסעוואניקעס, וועלכע ברויכען דאָס־יאָהר זיך שטעלען: גמרא־מענשלעך, גלאַט אויסגעוויקסטע יונגעלייטלעך, און סתם — איידעלע בעלי־מלאכות, וואָס קוואָקען אויף לייטישע שדוכים, בעזרת השם, מ׳וועט נור האָבען דעם פריזיוו פון הינטען; און זיי, חברה וואוילערס, הפקר־יונגען, וואָס געהען־אַרום אַ גאַנץ יאָהר אויף כל־האָבער, די דאָזיגע מאַכען שוין בעצייטענס יד־אַחת מיט די גויים פון שטעדטעל: קיילער־שקצים, גנבים, קעשענע־געהער, — זיי ברויך מען דאָס האָבען פאַר אַ שיינדעל אין דער משפחה, צו קענען אָבסטראַשען די אַלע איידעלע פאַרשוינדלעך, ראשית: זיי זאָלען זיך לאָזען גוט מעלקען, און בעזונדער, אָבהיטען די שטאָדט, עס זאָל, חלילה, צו איהר קיין עולה נישט געשעהן פון די פויערים־שקצים, כאַמעס, וועלכע לאָזען זיך יעשען־צייט אין שטאָדט אַריין, און מעשה־לאָבוז, — חרוב מאַכען אַ וועלט; און דאָס איז אויך נישט אַזוי וויט מאַהבת מרדכי: מ׳זאָל נישט טשעפּען אַ יודיש קלייטעל, וועלכעס געהט זיי נישט אין דער לינקער פאה, ווי משנאת המן — מ׳ברויך אָבטרייבען די כאַמעס אַ מאָרדע, אַז זיי זאָלען האָבען צו געדענקען אויף זייער גאַנץ לעבען אַרויס:

— מ׳איז אַמאָל געשטאַנען צו די זעלנער...

און באַלד נאָך פּסח, ווען דער לעמער גוי פון מאַגיסטראַט אין שטעדטעל האָט פונאַנדערגעטיילט די גוטע קוויטלעך יענע אַלע יונגעלייטלעך, וועלכע דאַרפען זיך היי־יאָהר שטעלען צום פּריזיוו — איז אין יענע היזער פון די וויכע אויסגעמוטשעטע מענשלעך צוגעקומען אַ פרישע זאָרג; די טאַטעס האָבען צובעקומען פרישע קנייטשען אויף זייערע שטערענס, און וואו ביי אַ נסיעה געדענקט אינאיינוועג׳ס זיך אַריינצוכאַפּען צום רבי׳ן שואל־עצה זיין; און מאַמעס האָבען אָנגעהויבען קרעכצען, צו רעדען בכלל מיט אַ ניגון פון ימים־נוראים׳דיגע תחינות, און וואו צווי־שען צוויי ווערטער אויסזוכען אַ זכות פון הינטער דער ערד אַ פּער, אין וועלכען זייערע קינדער זאָלען אויסגעליזט ווערען פון די גויים׳ס הענד...

בעריל שייגעץ, איינער פון יענע וואוילערס, וואָס האָט נור בעקומען דאָס גוטע קוויטעל און נישט געקענט רעכט איבער־לייענען, ער זאָל וויסען: „וואָס מ׳וויל דאָ פון איהם האָבען?“, האָט זיך באַלד דאָס משער געווען מיט אַ קלאַפּ אין שטערען: „אַ־האַ!“ און מיט אַ גדולה אין בויך זאַוועק צו לייזער יאַנקעל׳ס אין שיינקעל אַריין.

— אַ, ר׳ לייזער?.. וואָס האָב איך אייך געזאָגט?.. פער־געסען?.. אַ?..

און נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אָנגעטרונקען, אַראָבגע־לאָזען אַ פּאָר קריגלעך ביער, איז ער געוואָרען אויסערגעוועהנליך פרעהליך, און ווי זיין טבע איז, זיך אַוועקגעשטעלט האַלב שכור׳־ליך אויס׳טענה׳נען מיט זיך אַליין.

— געהערט אַ מעשה?.. אַלע יאָהר געמיינט—שוין... שוין... האָבען זיי זיך אָבער גאָר געמאַכט פערגעסען, און דוקא נישט געוואָלט... כע.. כע....

פאַרנאַכט איז ער שוין אַוועק צו אַלע איבריגע ליאָסעווני־קעס פון זיין צעטעל: פאַרשוינען אויף דער צייט, און זיי געגנו־מען אויפמונטערן, דערמאַנען: וואָס מ׳וועט היי־יאָהר ברויכען צו

טהון, זיי זאָלען איבערנעהמען די ממשלה איבער דער שטאָדט, און ווערען די אמת׳ע בעלי-בתים איבער איהר...

— איי, די כאַמעס!—האָט ער אויסגעשריגען מיט פערלאָפּענע אויגען, און צוזאַמענגעדריקט די פויסטען,—מ׳וועט זיי וויי־זען הרוב מאַכען אַ וועלט... זיי לאָזען שאַלטעווען און גוואַלדעווען... אויף זיין האַנד זענען זיי געקומען...

בין השמשות, מנחה-ומעריב-צייט איז ער אַריינגעפּאַלען אין בית המדרש אַריין, און צוגעשטאַנען צו לייזער מאַכעל׳ס, אַ גביר אין שטאָדט, וואָס האָט אַ טוץ זיינע הייזער און מיהלען, אויך פערמאָגט אַ גוט האַרץ, און דער עיקר: געהאַט אויך דאָס יאָהר טאַנצען אַ זוהנ׳דעל אויף דער חתונה, און מיט אַ וויינענדיג קול איהם געגעבען צו פערשטעהן:

— דאָס ער, בעריל שייגעץ, אויב ער וועט אַוועקגעהן דיענען—וועט ער סיי-ווי-סיי בלייבען בעריל שייגעץ; און אויב מ׳איז אַ גוטער זעלנער ווערט מען אויפ׳ן פייער אויך נישט פאַר־ברענט; בעקומט מען אַ בענדעל, און אמאָל—צוויי אויך, און וועגען בראָנפּען איז דאָך גאָר קיין דאגה נישט פאַראַן, נור, דער עיקר, ווייסט ער, ער וועט באַלד נישט האָבען מיט וואָס אַוועק־צוגעהן...

און ער שווערט:

— ר׳זאָל אַזוי דערלעבען צו שטעהן בשלום, אויסדיענען און אַהיימקומען בשלום, ווי ער איז בטוח: זיין זוהנדעל לייזער מאַכעל׳ס וועט באַלד פערבלייבען אין דער היים...

לייזער מאַכעל׳ס האָט שוין אפנים פערשטאַנען דעם תוכן פון דער גאַנצער דרשה, און איהם געמאַכט שוויגען מיט אַ קערבעל, וואָס ר׳האָט איהם אַריינגערוקט בשתיקה אין יד, ס׳זאָל קיינער נישט זעהן, און אגב אויך מבטיח געווען:

— באם ס׳וועט נור האַלטען דערביי, וועט ער שוין זיין אין דעם, ר׳זאָל פון אַלעם מיטהאָבען אין וועג אַריין: פון העמדער... הויזענס... קנעפּלעך... באַרשטלעך... וואָס אַ סאָלדאַט

ברויך נור, פול צומאַכן ס׳קעסטעל, און אַפילו עפּיס געלד אין מזומן אויך...

געהט בעריל אַרויס פון בית-המדרש, כאַפּט נאָך אַ פּאָר קיפּליעס ביער אין ערשטען בעסטען שיינקעל וואו ער פּאַלט אַריין, איז משלים דאָס וואָס דער ווינט האָט אַרויסגעוויעהעט פון פאַר דער צייט, און קוילערט זיך טויט-שכּור, קוים וואָס ער דערהאַלט זיך אויף די פיס, איבער׳ן גאַס. מעשה-נס ברויך ער גראָד אָנטרעפען אויף אַ רעקרוט פון די ווייכע מענשלעך, אַ טאַטענ׳ס אַ קינד און אַ שווער׳ס אַנ׳איידעם׳ל, אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק, הויט-און-ביין, אַ בלייך אויסגעמאָגערט נפש׳ל, און ער, בעריל שייגעץ, דערלאַנגט איהם אויפ׳ס כּח אַ ברען אין פּלייצע, אַרויסשיטענדיג דערביי אַ פול מויל מיט געלעכטער.

— אָט איז אַ זעלנער... אַ נאַש בראַט... כאַ-כאַ-כאַ... טשיק... טשיק... אַ סאָלדאַט... כאַ-כאַ-כאַ...

און ער נעהמט גלייך קאָמאַנדעווען איבער איהם:

— נאַ—לעוואָ, מאַ—אַ—רש!.. שאַ—גאָ—ם!..

דער יונגערמאַן שטעהט צוטומעלט. פון דעם ערשטען מתנת-יד זענען ביי איהם אַראָבגעפלויגען די ברילען, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער נאָז, אָבער באַלד האָט ער זיך אַרומגעזעהן און אָנגעקוקט דעם בעל-דבר זיינעם, דעם שטרויענעם גזלן, איז איהם דער פּחד אפילו אָבגעגאַנגען, נור זייענדיג פאַרשעמט פאַר׳ן רעדעל מענשען, וואָס האָט זיך תיכּף אַרום זיי אַרומגעשטעלט, האָבען זיך זיינע באַקען געוומען רויטלען ווי ביי אַ יונג מיידעל וואָס בעקומט דעם ערשטען קוש. און בכדי זיך צו בעפריי׳ען פון איהם, האַלט ער מיט:

— מילא אודאי, אַ זעלנער איז דאָך נישט קיין בער!.. אַז מ׳מוז—מוז מען... דינא דמלכותא—דינא...

בעריל שייגעץ ווערט פרעהליך פון דעם „אָדוואַזשנעם" סאָלדאַט, און כאַפּט איהם אַרום קושען... דער יונגערמאַן זוכט זיך אויסצודרעהען, נור ער פאַרשטעלט איהם אַלץ דעם וועג מיט

זײַן וואַקלענדיגען ברײט־בײנערדיגען גוף, און מאַכט מיט די הענד אַזוי נאָהנט איהם אין פּנים אַרײַן, אַז יענער מוז אַלע ווײַלע צוריקכאַפּען ג׳קאָפּ, ר׳זאָל נישט בעקומען אַ בענץ אין נאָז; און פאַר דער העזה ווערט ער, בעריל, שטאַרק אין כּעס, און שרײַט:

— וואָס?.. דו ווילסט בעריל שײגעץ זאָל זײַן די כּפּרה פאַר דיר מיט די אַלע דײַנע חזיר׳שע בעלי־גאוה׳ניקעס, וואָס איהר טראָגט אפילו אין זומער קאַלאָשען אויף די פּריצישע שיכלעך, און עסט אַ פליישיג נאַכט־עסען אין אַ פּראָסטען מיטוואָך?..

און ער נעהמט איהם אָן בעת־מעשה פאַר די קלאַפּעס, טרײסעלט איהם פונאַנדער אויפ׳ן גרויסען אופן. אַז דער יונגער־מאַן זעהט: ר׳איז מאוס אַרײַנגעפאַלען, כאַפּט ער זיך אַרויס פון זײַנע הענד, מאַכט אַ ויברח אין אַ טויער און ווערט נעלם...

בלײַבט שטעהן בעריל אַליין און שעלט... דער כּעס געהט איהם ביסלעכווײַז אָב, אָבער ער מאַכט נאָך שכּור׳ליך מיט די הענד צו די פאַרבײַגעהער, און מיט טרערען אין די אויגען רעדט ער זיך אויס פאַר זיי, אויפ׳ן קול:

— דאָס ער, בעריל שײגעץ, געהט אוועק דינען, און— ס׳נעהמט אַ סוף צו בערלען; די שטאָדט מעג שוין פאַרגעסען צו האָבען צזאַ בערלען; פון דאָרטען וועט ער צאַוועקגעהן אויף דער מלחמה: שיסען... שטעכען... הרג׳נען...

און ער צעווײנט זיך דערבײַ, ווי ער וואָלט געוועןן זיכער:

— ער געהט שוין מאָרגען אַוועק אויף דער מלחמה, און קיינמאָל מעהר נישט קומען צוריק אַהיים...

דער זומער געהט אונבעמערקט אַוועק. בעריל האָט פון דער ערשטער רגע אויפגעהערט צו אַרבײַטען, געהט אַרום פוסט־און־

פּאַס, און וויַיבער זענען געראַנגעלט ווען זיי מיינען: ס'איז מיט נסים אַ משוגעת כאַפּט זיך נישט אָן אין איהם... אָבער פון וואַגען נעהמט אַזאַ יונג צו עסען—אויפ'ן פּנים זעהט מען איהם, חלילה, פון קיין נויט נישט אָן....

איז דער תירוץ:

— אַ רעקרוט; אַ רעקרוט לעבט אויף קהל'ס חשבון. לייזער מאַכעל'ס, שלום יאַנקעל'ס, ברוך משה'ס, אַזעלכע יודען מיט הייזער, מיהלען, זעגען,—זענען אין שטאָדט פאַראַן אַ סך; און אויב זיי האָבען נישט אַזוי פיעל געלד, אָנגעשטאָפּט פולע בייכער,—האָבען זיי פאַר דאָס אלע שטעהן זיהנדלעך צום ליאָס, פון וועלכע ס'געהט אַנ'אָבצאָהל...

און ער, בעריל, ווייסט גוט דעם חשבון פון די אַלע רעקרוטלעך; ווער פון זיי ס'איז אַוועקגעפאָהרען, און—וואוהין ער איז געפאָהרען... און—נאָך וואָס אַזעלכעס ער איז געפאָהרען... און—וואָס אַזעלכעס ר'האָט דאָרטען אַוועקגעטהון...

פון אָנפאַנג איז ער געווען אַליין; נאָכדעם, האָט ער מיט דער צייט אָנגעהויבען צו בעקומען פאַרשוינען צו זיך; איינער: דער לאַנגער שמואל, וואָס האָט אָנגעהויבען צו געהן; געגאַנגען איז ער אייגענטליך פון אַלע מאָל, און אויף זיינע פיס דוקא, געווען הויך ווי עוג מלך הבשן—נור דאָס איצטיגע געהן איז געווען גאָר צוליעב עפּיס אַנדערש; צוליעב אָדערן עפּיס, וואָס האָבען זיך ביי איהם געזאָלט אָנזעהן אויפ'ן גראָבען פלייש פון פוס... און — מהאַי טעמא, האָבען איהם דאָקטוירים אַמאָל געזאָלט הייסען טראָגען גומענע זאָקען, נור דער לאַנגער איז אָבער קיין יאָלד נישט געווען, און צו דער נאַרישקייט זיך נישט געלאָזען צורעדען...

האָט זיך געפיהרט צווישען איהם מיט'ן פאָטער אַזאַ מלחמה: דער פאָטער געווענטליך: „געדענק, שמואל, טהו וואָס מ'הייסט דיך!” און שמואל: „לאו דוקא!”.. אין דער לעצטער צייט,

שוין האַרט פאַר'ן שטעהן, האָט זיך אויסגעניכטערט בײַ איהם דער „יאָלד", און דוקא זיך גענומען צו דער זאַך אויפ'ן גרויסען אופן, און ער האָפט ר'זאָל אַרויס מיט דעם אויף אַ בלאָהען...

פאַר אַ שותף צו זיך האָט דער לאַנגער בעקומען בערלען; בײדע געהען, אָבער בעריל ווייס ב'קיין אופן נישט, וואָס דער לאַנגער פיהרט זיך עפּיס מיט איהם אַרום איבער אַלע פּוסטע וועגען, איבער אַלע שטעגען, ביז... ר'האָט איהם אַמאָל דערטאַפּט בײַם עסק, און מיט אַ פרעהליכען שמײכעל, ווי זײַן טבע איז — דערלאַנגט איהם איבער דער פּלײצע:

— אַ משומד פון אַ יונג... דו ווילסט אויך איבערבלײַבען אין דער היים?.. און ווער דען וועט אַוועקגעהן?.. ראובע'לע די אלמנה'ס, דער בן יהיד, דער שלים-מזל, אַז מ'זאָל איהם דאָרטען, בײַ די זעלנער, צוטרעטען ווי אַ וואָרים מיט די פיס?..

און נאָך איין פאַרשוין איז מיט דער צײַט צוגעקומען: דער קלײנער ברוך'ל. אויף איהם האָבען אַלע געוואוסט: ר'וועט אַרויס מיט אַ ווײַסען... נור אַלע האָבען איהם דאָס פערגונען, ווײַל ער האָט זיך גערעכענט פאַר'ן קינד פון דער חברה... און אײנמאָל אויף האָט איהם בעריל אַרײַנגענומען צווישען די קניע, און מיט יענער זאָרגפעלטיגער צערטליכקײַט פון אַ טאַטען שטאַרק פון איהם אַנגעהוזק'ט:

—נו, ברוך'ל, האָסט אַ בראָך אויף דער רעכטער זײַט, זאָל דיך גאָט מזכה זײַן מיט דער מציאה אויך אויף דער לינקער זײַט—וועסטו זוכה זײַן צו טראָגען אַ גאַרטעל אויף בײדע זײַטען, און—אַרויס מיט גאַנצע צוויי ווײַסע...

אָלול קאָן מען שוין מערקען דעם פּריזיוו ווי ער הענגט אין דער לופטען; צוזאַמען מיט דער ימים-נוראים'דיגער שטימונג

לאָזט זיך שפירען אַ בעזונדערע פריזיוו-שטימונג. עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, עס שיטען זיך געלע בלעטער פון די בוימער, קאַשטאַנעס פאַלען און צוקלאַפּען זיך, און איבער די געסלעך געהען מחנות רעקרוטען, זיי האָבען שוין אַוועקגעלעגט די מלאכה, ריכטיגער: די מלאכה האָט זיי אַוועקגעלעגט, און דרעהען זיך אַרום מיט די שטעקעלעך אין די הענד, ווי די חול-המועד'ניקעס, נור אָהן דער פרעהליכקייט אויפ'ן האַרצען...

און פרעגט ביי זיי עמיץ ווען-נישט-ווען:

— וואָס וועט אַזוי אייער סוף זיין מיט דעם אַרומדרע-העען זיך?..

הויבען זיי די אַקסלען, קנייטשען האַלב אומעטיג די ברע-מען מיט'ן שטערן, ווי איינער זאָגט:

— וואָס קען דאָ זיין אויפצוטהון, אַז מ'ווייסט נישט וועמענס מאָרגען ס'איז?..

אויך אין די שטיבלעך און אין די בתי-מדרשים קאָן מען שוין זעהן מעהר יונגע לייט, וועלכע בלייבען-איבער ביי אַ יו-דיש וואָרט, אויף נאָך מנחה-ומעריב, אין די אלול-נאַכט אַריין, וועלכע איז שוין לפי-ערך גרעסער פון אַ געוועהנליכע זומער-נאַכט; מאַנכע זיצען און לערנען מיט אַ ברען, מיט אַ ניגון, שאָקלען זיך פערקנייטשט און פער'דבקה'ט איבער די אָפענע גמרא'ס, און עס זעהט אויס, ווי זיי וואָלטען זיך אויסגערעדט די ביטערע הערצער זייערע:

— ס'געהען אַזעלכע גרויסע טעג.. אוי, טאַטע פאָטער, און ווען נאָך קען מען זיך אַזוי אויסבעטען: מ'זאָל פערבלייבען אין דער היים?..

איין בחור'ל, מיט שוואַרצע אויגען ווי די פלעמלעך—הערט אַ ווײַלע אויף צו לערנען אויפ'ן קול, שאָקעלט זיך אפילו ווייטער מיט זיין אויסגעוויקט ירא-שמים'דיג פנים'ל, ס'באָמבלען זיך זיינע געקרייזעלטע פאות'לעך איבער די באַקען, און אַ טיע-פער זיפץ רייסט זיך אַרויס פון זיין דאַרע איינגעפאַלענע ברוסט:

אָי, טאַטע, זעה, מ'זאָל נישט ווערען אויסגעוואָרפען צווישען גוים... אָבגעריסען פון יודישקייט... פון תּורה לערנען... העלף, טאַטע, שיק אַ ישועה...

ביים אויוועֶן זיצען, ווי פאַרשעמט, פּשוט'ע בעלי־מלאכות און זאָגען פון די סדורים'לעך; די דאָזיגע האָבען זיך אויפגעהערט צו ראַזירען, און מיט פּערלאָזטע בערדלעך, ווי איינגעריסט, קנייט־שען זיי זיך, שלינגען די מזמורים, און איינער פון זיי זאָגט אין דער שטיל, ווי אַ יודענע אויס אַ מענה־לשון:

— לערנען קענען מיר נישט, אָבער דיינע יודען זענען מיר דאָך; שבת האַלטען מיר, פון ימים־נוראים ווייסען מיר, זעה אין דעם זכות: מיר זאָלען נישט פערוואָגעלט ווערען... מיר זאָ־לען נישט וויסען, חלילה, פון קיין מאכל טריפה... חלול שבת ויום־טוב...

אַזוי צוטיילט זיך דער עולם; איין האַלבער, ווי אַ שטיי־גער: די ווייכע מענשלעך, וואָס לאָזען זיך אויסקנעטען ווי די פיגורלעך פון ליים—די געהען אין שוהל צריין: תּפילה טהון... און די אַנדערע העלפט, מיט בעריל שייגעץ בראש, די וואוילע יונגען, די געהען צו לייזער יאַנקעל'ס אין שיינקעל אַריין. און דער עולם בעשטעהט פון געזונטע שניידער־יונגען, געזעלען, טעלכע האָבען פון באַלד נישט געוואוסט דעם טייטש פון עברי, און די „סלוזשבע" איז פון אַלע מאָל ביי זיי געוועזען „בלאָטע"...

— מ'וועט זיך דאָרטען גלייך אַריינבעקומען אין „שוואַלנע"... נייהען קיטלען... מאַכען שטיוועל... באַקען ברויט—אַ דאגה?.. און די פּאָר יאָהר וועלען צראָבלויפען ווי קיינמאָל גאָר נישט... עפּיס אַ סך—דריי יעהרלעך?... מ'וועט נאָך אַהיים ברענגען פון „סלוזשבע" אַ פּאָר הונדערט קאַרבען אויך, און האָבענדיג צו דעם אַדורכגע־פאָהרען אַ האַלבע וועלט—וועט מען ערשט קענען אַ לייטישען שדוך טהון...

דער עיקר:

— אַ רעקרוט איז מען אויף דער וועלט; איינמאָל לעבט

מעֶן, און—אײנמאָל שטעֶהט מעֶן צום פּריזיװ... און, דעֶריבעֶר—
חי מרדכי, געֶלעֶבּט זאָל װעֶרעֶן אויף װאָס די װעֶלט שטעֶהט!.

קומט-אָן אַ סטראַזשניק, נעֶהמט מעֶן איהם אונטעֶר די העֶנד צו לײזעֶר׳ן אין שײנקעֶל אַרײן, און מ׳שכּור׳ט איהם אָב אויפ׳ן גרויסעֶן אופן; בּעֶריל שײגעֶץ שטעֶלט איהם נאָכדעֶם אַרויף אויפ׳ן טיש און הײסט איהם געֶהן אַ „קאַמאַרעֶסקעֶ"... בּײם סטראַזשניק קלעֶבּעֶן זיך די אויגעֶן, דעֶר אָקעֶװיט הויבּט בּײ איהם אינװעֶניג אָן צו קאָכעֶן, און װעֶן דעֶר עולם אַרום מיט די גלעֶזעֶרנעֶ אוי-געֶן נעֶהמט פּײפעֶן מיט די פינגעֶר אין די מײלעֶר—דוכט זיך איהם, ב׳סטראַזשניק: „ס׳איז פּאַסכאַ אין קאַזאַרמעֶ... רעֶביאַטאַ קלאַפּט-צו מיט די פּײקלעֶך"... און עֶר פעֶרשאַרצט די פּאָלעֶס, נעֶהמט געֶהן אַ טאַנץ... פעֶרװאַרפט אַ פוס אין לופטעֶן און גיט זיך אַ בּאָכעֶ אונטעֶר אין אַ זײט, און עֶר טאַנצט... פון פּנים גיסט זיך איהם אַראָב טײכעֶן שװײס, די האָר קלעֶבּעֶן זיך איהם צו צום שטעֶרן, עֶר איז רויט װי אַ ראַק, און—אַזוי לאַנג און אַזוי בּרײט בּיז עֶר פעֶרגעֶסט זיך גאָר, דאָס עֶר געֶפינט זיך צװישעֶן יודישעֶ רעֶקרו-טעֶן, און נאָך דעֶרצו בּײ לײזעֶר יאַנקעֶל׳ס אין שײנקעֶל, און עֶר כאַפּט אַרויס די בּלאַנקעֶ שװעֶרד פון שײד, נעֶהמט פּאָכעֶן מיט איהר איבּעֶר אַלעֶמעֶנס קעֶפּ, און שרײט-אױס אויף זײן הײזעֶ-ריגעֶן שכּור׳ן גאָרגעֶל:

— עֶך, זשידי... מ׳בּרויך אײך אַלעֶמעֶן אויסשעֶכטעֶן...

דעֶר עולם װעֶרט צורודעֶרט; אײן בּעֶריל שײגעֶץ, װאָס פעֶרליערט זיך נישט. עֶר כאַפּט פלינק און געֶשיקט אַרויס פון זײן האַנד די שװעֶרד, און דעֶרלאַנגט איהם אַ בּאָכעֶ אין האַרץ, אַז ס׳טהוט אַ קלונג פון איהם װי פון אַ פּאַס...

— בּיסטו אַ חזיר, זאָלסטו נישט קומעֶן צװישעֶן קײן מעֶנ-שעֶן; ליעג זשעֶ אין דעֶר עֶרד...

דעֶר סטראַזשניק—אַראָבגעֶפלויגעֶן װי אַ קינדעֶר-פּילקעֶ אויף דעֶר עֶרד, ליעגט, פעֶרקרומט פון בּאָכעֶ, מיט אַזאַ מינעֶ—װי עֶר

וואָלט אויסגעזופּט אַ האַלב גלאָז בראָנפען אויף אַמאָל; און ער בעט זיך, וויינענדיג:

— ניעט... יעי באָגו—טשטאָ ניעט... ניעט... ניע דומאַל..

עולם ווילדעוועט אויפ׳ן קול, און וויל זיך אָברעכענען מיט איהם אויף קליין געלד.

— אַראָברייסען די שליפּעס!

— צובּרעכען די שווערד!

איין בעריל שייגעץ, וואָס איז אויף זיין זייט:

— לאָזט איהם צורוה... חברה, מ׳ברויך איהם קיין שלעכטס נישט טהון...

ער שטעלט איהם אויף די פיס, ווישט אָב מיט זיין פּאַ-טשיילע דעם שוויים פון זיין פנים, און פערענטפערט איהם נאָך:

— וואָס ווילט איהר פון איהם? ער רעדט—דער בראָנפען רעדט פון איהם... בטבע: אַ גוטער ערל... לאָזט איהם אָב... האָט אין-דערהיים אַ ווייב׳רע מיט זיבען שרצים...

די חברה נעהמט באַלד אַדורך ס׳רחמנות אויפ׳ן גוי, און מ׳מאַכט איהם נאָך צונויף אַ פּאָר קאָפּיקעס פאַר דער עולה, מ׳בינדט זיי איהם איין אין העמד—ער זאָל זיי נישט פערלירען; דער לאַנגער שמואל מיט דעם קליינעם ברוך׳לען נעהמען ביי איהם ס׳אונטערפיהרען, מ׳פיהרט איהם אַרויס בכבוד גדול אין גאַס אַריין, נאָך זיי—דער גאַנצער עולם...

אין דרויסען בלייבט מען שטעהן פערקלעהרט:

— וואָס טהוט מען מיט׳ן סטראַזשניק?...

עולם שרייט:

— זאַוועקוואַרפען...

— אָבלאָזען אין גאַס...

בעריל שייגעץ זאָגט:

— ס׳איז אַ רחמנות!

שפּאַרט זיך עמיץ פון עולם:

— אין דער ערד אַריין מיט'ן קאָפּ...

און בעריל:

— ר'האָט אין־דערהיים אַ ווייב'רע מיט זיבען שרצים.

טהוט עמיץ אויף:

— אַהיים פיהרען!

— אַהיים פיהרען!

דער קליינער ברוך'ל מאַכט אַ הלצה, ער שרייט אַזיהם אַריין אין אויער אויף זיין ווייבערישען קול:

— וואו וואוינסטו?..

דער סטראַזשניק שאָקעלט עפּיס מיט'ן קאָפּ, פּרובט זיך גלייך שטעלען אויף די פיס. דער עולם לאַכט, הילכט... ענדליך ריהרט זיך אַלץ אין וועג אַריין מיט אַ געזאַנג און אַ פּייפעריי, דער סטראַזשניק פליהט אין לופטען, שוועבט,—אָנגעקומען אויף דער ראָגאַטקע בלייבט מען שטעהן, מ'קוקט זיך אַרום, און מ'גאַפט.

— וואו איז ס'היטעל?

דער סטראַזשניק איז נישטאָ.

שטעהען די אונטערפיהרערס און הויבען מיט די אַקסלען:

— דער רוח ווייסט איהם!..

— וואו האָט איהר איהם אַהינגעטהון?—שרייט בעריל מיט כעס.

זאָגט עמיץ:

— אַודאי זיך אַרויסגעגליטשט...

לאַכט דער עולם.

— אויפזוכען!—שרייט בעריל.

פילדערט דער עולם:

— אַ מכה איהם...

— אַ שד...

— אויפזוכען!—שרייט בעריל אַלעמען איבער מיט כעס.

קיינער הערט איהם נישט; אַלע לאָזען זיך לויפען צוריק

אין שטעדטעל, קלאַפּען־אָן בײַ די רײַכע יונגע לײַטלעך אין די פענסטער.

— איהר שלאָפט?..

— ס׳וועט אַ רוח אין אײַערע טאַטע׳ס בײנער אַרײַן!...

— שטעהט־אויף צו תהלים!...

— צו סליחות!

און אין שטעדטעל איז אַ וואַך־נאַכט...

אויף די ימים־נוראים זענען שוין אַלע רעקרוטען אין־דער־היים. אַזוי, געוועהנליך, קומט מען אַהיים, נישט אין קיין אויס־געזעצטע צײַט, ס׳רוב—אויף יום־טוב, און אַזוי איז מען זיך מקדים אויף ראש השנה נאָך צו זײַן אין שטעדטעל.

— פּאָרט: ראש השנה!.. און שטעהן—שטעהט מען דאָך אויף!.. און גלאַט: עפּיס... וואו ס׳מאַכט זיך... מ׳בעדאַרף זיך צוריינקוקען... עפּיס געוואָהר־ווערען...

און צו ראש השנה און יום כפור זענען שוין אַלע אין שוהל. מ׳האַלט מחזורים׳לעך אין די הענד. צי מ׳דאַווענט באמת— איז נאָך אַ גרויסער ספק... נור אַלטע יודען רעדען זיך׳ס אַרויס:

— פּאַר די חברה איז אַלע יאָהר גלײַך אַ פּריזיוו. וואָלט עס געדענקט: מ׳איז יודען... און געוואוסט: מ׳ברויך דאַוונען...

און בעריל שײַגעץ, בכבודו ובעצמו, האָט זיך אויך מטריח געווען, און געשטאַנען אַ גאַנצען יום כפור אין פּאָליש, מיט אַ פּער׳חלש׳ט האַרץ—ער האָט געפּאַסט; בײַ איטליכען על־חטא, ווען ער האָט געזעהן: אַלע קלאַפּען זיך אין האַרץ אַרײַן—האָט ער זיך אויך געקלאַפּט...

אויף צומאָרגענס נאָך יום כפור, אַזוי ווי ס׳איז נור פאַר־איבּער דער טערמין פון די הימעלדיגע פחדים—אַזוי האָט מען זיך צוריקגענומען צום אַלטען... מיט קולות וברקים לאָזט מען זיך אויף די גאַנצע נאַכט איבּער די גאַסען, און מ׳שכור׳ט אויף וואָס די וועלט שטעהט...

בעריל שייגעץ איז צוריק בעריל שייגעץ. וואו אַ משפט—איז ער דער שופט; וואו אַ שמחה, אַ לויה—דער מנהיג, און אויב ער זאָגט: טאָג—איז טאָג...

אויף איניגע גבירישע קינדער איז ער שטאַרק אין כעס, דערפאַר וואָס זיי האָבען נישט געוואָלט געבּען קיין „פדיון״, און ער שווערט זיך:

— דאָס זיי אַלע מוזען אַוועקגעהן מיט איהם דינען אין איין פאָלק אַריין; כאָטש זיי האָבען זיך אַלע אַרומגעבּונדען די קעפּ מיט די אויערן, פערפאַקט פולע שיך מיט וואַטע, און זיך פערזעצט פולע מיילער ציין--וועט עס זיי נישט העלפען ביז אין טויט אַריין...

שמחת־תורה איז ער מיט זיין גאַנצע חברה נאָכאַמאָל געקומען אין שוהל אַריין, אַלע—טויט־שכור; בעריל האָט זיך קוים אַרויפגעדראַפּעט אויפ׳ן בעלעמער, אַרויפגעקראָכען אויף אַלע פיער, אַ קלאַפּ געטהון אין שטענדער מיט זיין לאַפּע, און געהאַלטען אַ לאַנגע דרשה:

— אַז, היות ווי ער מיט זיין גאַנצער חברה געהט־אַוועק דינען, און דאָס איז שוין אַ דבר ידוע—לכן, איז דער גבאי מחויב זיי צו געבּען הקפות...

מילא, וואָס ס׳קומט זיי—קומט! האָט מען זיי אַלע מכבד געווען מיט די ספרי־תורות, און דער חזן האָט זיך געלאָזט מיט מיט זיי אַרום׳ן בעלעמער, און געגומען אויף זיין קוויטשיגען קול׳כעל אַנ׳עוזר־דלים—אַז די גאַנצע שוהל האָט געקייכט פאַר געלעכטער..

די יונגען זענען געוואָרען רויט, אָנגעצונדען, אַזאַ חרפּה—אַז ס'האָט וועניג געפעהלט וואָלטען זיי אַוועקגעוואָרפען די ספרי תּורות—ביי אַזעלכע יונגען איז זיך עפּיס צו ריכטען?—און גוט אָנגעבראָכען נאָך די ביינער דעם גבאי מיט'ן חזן אינאיינעם...

און אויף דער נאַכט האָבען זיי זיך ערשט רעכט אָבגערעכענט מיט'ן שטעדטעל, פאַר דער עולה; פון אַלע בעלי-הבת'ישע סוכות געמאַכט אַ תל, אַראָבגעבראָכען די פליגעל און צושלעפּט דאָס מיט די וואַנד, מיט'ן סכך איבער שבעה ימים...

געשלעגען

אַ גאַנצע נאַכט זענען די רעקרוטען געפאָהרען אין שטעדטעל אַריין. נאָך מיט אַ טאָג צופריהער האָט איטליכער „וואָיט” אין זיין דאָרף געלאָזט צוזאַמענרופען די יונגען, וועלכע ער האָט געהאַט אויפ׳ן צעטעל פאַר היי־יאָהר, און אויך אָבגעהיטען ווי אַנ׳אויג אין קאָפ פאַר׳ן לעצטען זומער—און זיי געמאַכט וויסען:

— אַז, מ׳פאָהרט צום נעהמונג...

אַ גאַנצע נאַכט האָבען די דאָרפישע פוהרען אַוועקגעפיהרט די יונגען פון זייערע היימישע ערטער, כאַטקעס און פעלדער, אַוועק אין שטאָדט, וואו זיי האָבען, אַפנים, זיך געהאַט אָבצושטעלען אויף אַ קליינע צייט, ווי מעסטען, וועגען, איבערקוקען, בעטאַפען, און—ווייטער אַוועק; וועהר מיט׳ן באַהן, ווער—מיט׳ן ים, און אַזויערנאָך אויף יאָהרען־לאַנג ווערען אויסגעריסען פון דער היים, אויסגעשאָקעלט און אויסגעוואָרפען איבער אַלע פוסטע שטעדט און דערפער, וואָס ליגען אַזוי ווייט איינע פון דער אַנדערער אין דעם ברייטען און טיעפען רוסלאַנד.

אין־דערפריה איז דאָס שטעדטעל נישט געווען צו דערקענען. איבער אַלע געסלעך—ווי גרויס און אַלט זיי זענען, שטעהען בעדיכט די פויערשע וועגעלעך, פול דער מאַרק, די איינפאָהרהייזער—געפאַקט... די פערד—פון אַ גוטע מינוט אויסגעשפאַנט, טראָגען זעקלעך מיט „אָבראָק” אויף די העלזער, אַ שטייגער: ווי קליינע קינדער—גאַווער־שערצעלעך, וועלכע זענען אָבגעטהון איבער די אויערן אַריבער, און זענען דאָרטען שטאַרק פערטהון מיט די

קעפּ, פאָרען זיך שטאַרק, אַ געדיכטע פּאַרע זעצט זיי פון מויל... די אָרימערע שקאַפּעס טראָגען אויך זעקלעך, אָבער, ווייזט אויס: ליידיגע. שטעהען גלאַט, מיט דער לונג-און-לעבער פון פאָרענט ביים נאָז, און ציטערן פון דער פריה-מאָרגען-קעלט, כאַפּען אַ ציטער מיט די זשעבּרעס, פוילעניש און לאַנגווייליגקייט. זיך נישט צו פערשעמען די לייטישע שכנים, די שקאַפּסקע פערד, וואָס שטעהען און בריקען-זיך, רייסען שטיקער ערד מיט די פּאָדקאָ-וועס פאַר אונגעדולד,—רוקט מען אויך אַמאָל אַריין דעם פּיסק אין וואָגען היי, מ׳„זלאָבעט" דאָרטען אויף אַ רעכטען-אמת, אַז די שכנים זאָלען מיינען: „גאָט דער לעבעדיגער ווייסט, וואָס פאַר אַ צימעס מען האָט פאַר זייערטוועגען דאָרטען צוגעגרייט"... אַזוי מאַכט מען זיך קוראַזש, וואָרום פערד, זאָגט מען, האָבען אויך אַמאָל אויסצושטעהן די אייגענע חרפּות און בזיונות פון מענשען, און נישט איין שקאַפּע האָט שוין אויך דאָס היטעל פון קאָפּ זיך אַראָבגע׳גנב׳עט, און אין זיך געהאַט:

— התן, מאַך דיר אַ לבֿ; קנייפּ די באַקען—די פאַרב זאָל שטעהן...

אויף איטליכע פוהר כמעט ליגט אַ פריש-צונויפגעשלאָגען קעסטעל; אויף וועלכע—עטליכע קאָסטלעך אויף-אַמאָל. און אין זיי, אין די קאָסטלעך, האָבען עס די רעקרוטען זיך מיטגעבראַכט אַלע זייערע נויטיגע זאַכען צום אַוועקגעהן, וואָס אָהן דעם איז נישט מעגליך אויסצוקומען: העמדער... הויזען... בערשט-לעך... וכדומה... און עס זיצען די פויערטעס, וואָס האָבען דאָס געווייניט איבער די לאַנגע זומער-טעג, געפּיאַסטעוועט, און היטען מיט ביידע אויגען: מען זאָל, חלילה, קיין קעסטעל נישט אַראָב׳לקח׳נען... זיצען ווי די קוואָקעס, די קעפּ אַרומגעהילט אין די פאַרביגע געבלומטע טיכער מיט רויטע בייט-שען קרעלען און שוואַרצע צלמים׳לעך—אויף די העלזער; און ביי יענע וועגען, וואו עס זענען קיין פויערטעס נישט פאַראַן, זענען

בײַם „פּאָשלאַדעק״ צוגעבונדען שוואַרצע „קודלאַטע״ דאָרפישע הינד, װעלכע האָבען זיך אײַנגעדרעהט װי די בײגעל הינטער די װעגען, אַרײַנגענומען די װײדלען און בעהאַלטען די נאַסע געפּרוירענע נעז און לײב-און-לעבען, און זאָל גאָט װעמען געבען אין זין אַרײַן: זיך צו-צוריהרען צו אַ װאָגען, אָדער ס׳זאָל װעמען אײַנפאַלען די חכמה: אַהין װאַרפען אַ שטײן אין זײער מחנה— איז יענעם, אָסור, נישטאָ װאָס מקנא צו זײַן, אויב אַזעלכער װעט אַרויס אַ גאַנצער פון זײערע מײַלער... און אַחוץ דעם: דאָס געבילערײַ, דער ליאַרם, װאָס זײ אַלע הויבען-אויף, איז גראָד װי איהר װאָלט געגאַנגען אויף זײער לעבען...

מיט׳ן טאָג צוגלײַך, אַזוי װי ס׳איז נור אויסגעפאַלען דאָס ערשטע שטיקעל ליכטיגקײַט, און מענשען אין שטאָדט האָבען דערזעהן דאָס לעבען אויפ׳ן גאַס, די בערגער שקצים, כּאַמען׳ס, װאָס זענען אַלץ אָנגעקומען אַװעקצוגעהן פאַר זעלנער, און װי זײ האָבען זיך דאָס שוין צושפּרײט מיט אַ הוא-אַמינא אײבער אַלע לעכער, מיט די שטעקעלען אין די הענד — אַזוי האָבען זײ אַ שװערען זיפץ געטהון, װי אײנער זאָגט:

— װער װײסט װעמענס בײַטעל ס׳װעט דאָ הײַנט בלוטען בײַ זײ, און װעמענס בײנער ס׳װעלען קנאַקען אונטער זײערע שטעקעלען?..

אויפ׳ן גאַס איז אַנ׳ענגשאַפט, זיך נישט אויסצודרעהען. מענשען האַלטען זיך דערװײַל אָב פון אַרויסצוגעהן אין דרויסען,— װי פאַר אַ שלעכט װעטער; און װער ס׳בעדאַרף געניײטיג, הויבט זיך אָן צו פּלאָנטערן צװישען די װעגען און רעדער, ביז ער קומט אַריבער ערגעץ,—מעג ער דרײַ מאָל גומל-בענשען, אויב ער איז אַרויס מיט גאַנצע אֵברים פון די שקצים׳ס הענד, און מיט אַ גאַנצע קאַפּאָטע פון די הינד׳ס מײַלער...

עס קומען-אָן די „װאָיטעס״, קלויבט איטליכער אויף זײַנע

חברה, מוסטערט זיי אויס מחנות־ווייז אין לאַנגע שורות, צעהלט זיי איבער: אויב ס׳איז נישט וועלכער פון זיי אויסגערונען איבער נאַכט, און מ׳לאָזט זיך גײהן אויפ׳ן מאַרק אַרויף, צום „פּאָוויאַט״. די וואָיטעס טראָגען אַלע נייע שטיוועל, פּרישע סוקמאַנעס,— מ׳געהט זיך דאָך עפּיס ווייזען פאַר „נאַטשאַלסטווע״, פּאַסט דאָך עפּיס נישט צו קומען אין די וואָכעדיגע בגדים, מ׳געהט דאָך עפּיס פון אויבען־אָן, מראש למחנה, מיט די קייטען אויף די העלזער... די שקצים געהען וואוילעריש, אַרויפגערוקט די היטלען, מיט די שטעקעלעך אין די הענד, און גיבען דערוויַיל צו פער־זוכען דעם טעם זייערען די יודען, וועלכע זיי טרעפען־אָן אויפ׳ן וועג, לערנען זיך צו פערמעסטען אין די פּלייצעס פון אַלטע יודען...

ס׳איז אין־דער־פריה נאָך, די קרעמלעך מאַכען זיך ערשט איינציגווייז אויף, און וואו מ׳שטעלט אַרויס קערבלעך מיט פּרי־שע וואַרימע זעמעל, וואָס נור פון אויווען־אַרויס, ווערען זיי אַראָבגעכאַפּט דורך די שקצים, כאַמעס מיט אַ געלעכטערל פון די שטעלען, ווי עפּיס אַ הפקר־זאַך, און מ׳טיילט זיך איין מיט דעם אויפ׳ן מיטען גאַס, מ׳פּרעסט אויפזעצענדיג... וואו און פון וועל־כען קרעמעל פליהט נאָכדעם אַרויס, ווי אַנ׳אונטערגעשאָסענער פוי־געל, אַ קרעמערקע, אַ יודענע—ווי אַ מויז, און שעלט נאָך די שקצים פאַר איהר פּראַצע, פאַר איהר בלוט—מיט טויטע קללות אין זייערע ביינער אַריין; און פאַר אַ יודענע אַ שכנ׳טע, וואָס קומט איהר גראָד צו דער האַנד, טענה׳ט זי זיך אויס מיט טרע־רען, גיסט אויס איהר ביטער האַרץ:

— נו?.. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס מ׳פערגינט נישט אַנ׳אייגען קינד, קומט דער שוואַרצער יאָהר און נעהמט־צו...

אַנדערע קרעמערינס, וואָס זעהען דאָס צו—שטעלען באַלד נישט די שטעלען אַרויס. נאָך אַנדערע, וואָס האָבען זיך, אַפּנים, שוין געלערענט ביי יענעמס באָרד שערען, נעהמען שווייגענדיג

צו די שטעהערס מיט'ן געבעקס פון שוועל, טיפער אין קראָם אַריין...

אין דער אייגענער נאַכט איז בעריל שייגעץ כמעט נישט געשלאָפען. ער האָט אויפגעמונטערט זיין חברה וואוילע יונגען, געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערען, אויפגעפרישט אויך דעם יד-אַחת מיט די קיילער-שקצים, וועלכען מ'האָט בעגאָסען מיט אַ פּאָר פּעסלעך ביער, — און זיי אַלעמען געוועקט ווי צו סליחות:

— געדענקט, מ'טאָר נישט שלאָפען... ס'געהט אַ טאָג... ס'וועט זיין אַנ'אָרענטליך שטיקעל אַרבייט... געדענקט, קינדער, מאָרגען הויבען-זיך-אָן די ליאָסען, מאָרגען וועלען קומען די כאַמעס אין שטאָדט, און זיי וועלען נישט שאַנעווען פון קינדער ביז גראָהע בערד...

באַלד אין-דער-פריה האָט מען זיך גענומען אַרויסקריכען פון די לעכער, און איינציגווייז זיך צוזאַמענגענומען פאַר'ן הויז פון „פּאָוויאַט", וואָס איז געווען אויפ'ן מאַרק. און די יודישע רעקרוטען, חברה וואוילערס מיט זייערע שקצים האָבען פערנומען דעם אויבען-אָן, דעם טראַטואַר וואָס פאַר'ן טויער, דאָך עפּיס: שטאָדטישע... אַלץ איז זייער: פּאָליציי... וואָס מ'וויל נור הערען... עס האָבען נישט געפעהלט: בעריל שייגעץ, ברוך'ל דער קליינער, שמואל דער לאַנגער, וואָס איז בעזונדער געווען אויסגעקאָכט מיט די שקצים, און אַצינד געגעבען צו פערשטעהן דאָס עסק מיט די „כאַמעס", צולעגט אויף דראָבנע, און זיי אַליין געמאַכט פאַר די שופטים, זאָלען זיי משפט'ן:

— אַדרבא, וואָס פאַר אַ זין דאָס האָט צו שלאָגען ווייבלעך מיט אַלטע יודען, און כאַפּען עפּעל פון די קוישען?..

פֿון צופֿריהער נאָך האָט דער סטראַזשניק, דער ממונה—ס'זאָלען נישט זײַן קײן געשלעגען—אַראָבגעטריבען אַלע פֿוהרען פֿון מאַרק, וועלכע האָבען זיך אײַנגעצױגןײַז אַרויסגעשלעפּט מיט זײערע קעסטלעך, פֿויערטעס און הינד—אונטער'ן שטאָדט, אויפ'ן פֿעלד אַרויס... און דאָס אָרט, דער גרויסער מאַרק איז באַלד פֿערפֿולט געוואָרען מיט די דאָרפֿישע שקצים; די פֿויער-שקצים זענען אַ סך, מעהר ווי צעהן גמינעס האָבען זיך געקליבען אַרום שטאָדט, און איטליכע גמינע בעזונדער פֿאַר זיך האָט אויסגעשאָקעלט, ווי נישט איטליכעס יאָהר, אַנ'ערך פֿון אַ צוויי הונדערט יונגען, און נאָך מעהר; די שטאָדטישע זענען געווען ווייניג, בלויז יודען כמעט, עטליכע געצעהלטע גוים, נור פֿאַר דאָס—גוים פֿון דער נאָל אַוועק, פֿון שעכט-הויז אַרויס, און פֿאַר די דאָזיגע לײַט האָט מען פֿון תמיד דרך-ארץ געהאַט אין שטעדטעל...

אויבען, אין נעמינג'ס-שטוב האָבען זיך שוין אַלע צוזאַמענגעקליבען. אַלע היטלען פֿון די גרויסע הענגען שוין אויף דער וואַנד, און מענשען מיט גאָלע און בעוואַקסענע קעפּ, מיט ליסינעס, דרעהען זיך אַהין און אַהער, מישען ביכער, מאַכען הכנות, און דער עיקר: מ'וואַרט אויפ'ן דאָקטאָר, וואָס נישט בלויז די יודישע רעקרוטען ווילען איהם זעהן, נור זײערע מאַמעס מיט די טאַטעס האָבען פֿאַר'ן גאַנצען נעכטיגען טאָג איהם אָבגעוואַרט אויך, און... געוואָלט זעהן.

ער קומט-אָן דער לעצטער. ווי עפּיס אַ שטיקעל מיוחס, צי גלאַט געוועזן פֿערנומען מיט אַנ'עסק'ל אין שטאָדט נאָך; אַ הויכער גוי, אָהן שליפּעס, מיט ברילען און אַנ'אָבגעטראָגענעם פּאַלטען. עולם מאַכט איהם אַ וואַרע, און דער לאַנגער שמואל ברענגט זיך באַלד אויס אַ ווערטעל:

— אַ פּריץ?... ס'איז כדאַי געווען אַראָבצוברענגען אַזאַ גוי'-שעטשאָק אַזש פֿון די מרחקים, אין שטאָדט וואָלט מען אַוודאַי גאָר נישט בעקומען די מציאה, האַ?.. דאָס זאָל שוין זײַן אַ גאַנצער „יש"—אָסור, אויב ער וואָלט זיך געוואָלט טוישען מיט זײַן פּאַל-

טען!.. אַ גרויסער קבצן דער יאָלד, מ'דערקענט עס אין איהם. אַ קערבעל מוז אַודאַי זיין אין גאָלד אַריין!...

— אַ פּערקעהרטער שכל—דרינגט דער קליינער כרוך'ל,—זיכער, אַ גרויסער נקי-כפּים'ניק; ווען נישט, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד... אָנגעטהון ווי אַ גראַף...

די פּויערים-שקצים, וואָס קומען אַלץ אָן אין די גרעסערע מחנות, ווערען אַלץ מעהר „וואוילער" ביי זיך... זיי דרעהען זיך איבערן מאַרק מיט גאוה, פינקלען מיט די וואַסערדיגע אויגלעך, און פערטשעפען אַלע ווייבע אַנ'אַנדערען פון די יונגע-לייטלעך, קוים געהט ער נור אָב אויף אַ טריט פון יודישען רעדעל...

בעריל שייגעץ שטעהט ווי אַ הונד אויף דער קייט, וואָס וויל זיך אָט יואָס נור ווארפען, נאָר האַלט זיך נאָך עפּיס איין אונבעוואוסט פאַר זיך אַליין, ס'זאָל נישט קומען צו קיין געשלעג...

— וואָס וועט דאָ זיין פון דעם שטעהן?—פרעגט אַ רעק-רוט, אַ גרינער בילעט, וואָס שטעהט שוין צום דריטען מאָל— מ'קאָן נאָך דרייסט אַהיימגעהן און זיך געשמאַק אויסשלאָפען... ביז מ'וועט שאַצען... און די גמינעס וועלען ציהען ליאָסען צווישען זיך, ס'איז אַנ'איי אויף מיטוואָך!..

— אַזוי?—און צו וועלכע גוטע יאָהר שטעהט מען דאָ ווי-דער?..—פרעגט בעריל שייגעץ, שוין זייענדיג אין כעס—קומט צו לייזער'ן!.. מ'האָט נאָך היינט נישט גאָר אין מויל געהאַט!..

נוס... דער עולם ריהרט זיך עפּיס נישט; צו-לאַנג האָט מען געוואַרט אויף דעם טאָג, ביז מ'וועט ברויכען אָנקומען דאָ; שטעהען מיט אַזאַ גדלות, און בעזונדער פּיהלט זיך שטאַרק דער חשק זיך אָבצורעכענען מיט די שקצים, כאַמעס, וועלכע האָבען זיך איבער'ן טאָג שוין צופּיעל ערלויבט, ווי, אַ שטייגער: אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקען איבער אַ פּלייצע, אונטערגעשטעלט אַ פיסעל אַ רעק-רוט, יענער זאָל אַריבערפאַלען, אַראָבגעוואָרפען ביי וועמען אַ היטעל פון קאָפּ, חברה האָט געבראַכט צו אַ געשלעג, וועלכעס

האָט געהאַנגען אין לופטען, איז שוין געווען גוט אונטערגעלעגט, בור, אַפּנים, ס'איז נאָך אַלץ די צייט נישט געקומען...

אַרויסגעגאַנגען איז אין יענער צייט אַן'אַלטער יוד פון בית-המדרש, אַ זקן, קוים וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערהאַלטען אויף די פיס, איינגעבויגען, מיט טריבע אויגען, זיך געשלעפּט, אָנגעקלאַפּט אַלצאינאיינעם מיט'ן שטעקען אין די ווענד, אַפּנים בלינד געווען און געשאַפּט נ'וועג; געוואָלט האָט ער אויך אַפּנים אַרויסגעהן צום „פּאָוויאַט”, געוואָהר-ווערען פון זיינס אַן'אייניקעל, וואָס ער האָט געהאַט שטעהן... און ווי דער יוד איז נור אויפ'ן מאַרק צרויפגעקומען—האָט אַ יונגער שייגעץ ביי איהם דעם שטע-קען אַרויסגעריסען מיט עזות, איהם דערלאַנגט אַ שטורך, פון וואָס דער אַלטער איז אומגעפאַלען צו דער ערד, און דאָס בלוט האָט זיך איהם גענומען גיסען פון מויל — — — — — —
— — — — — האָט זיך אויפגעהויבען אַ געשריי אויף די שוועלען פון די יודישע קראָמען:

— גוואַלד, מ'האָט אַ יוד דער'הרג'עט!..

און יודען האָבען פאַר פחד גענומען לויפען אין די טויערן מיט אַ געשריי, מיט אַ געפילדער, ווי די איבערגעשראָקענע האָזען, די קעפּ אַראָבגעבויגען, אַחוץ עטליכע געצעהלטע, וואָס האָבען זיך מפקיר-געווען און אַריין אין רעדעל, געכאַפּט דעם זקן אויף די הענד, איהם אַרויסצוטראָגען, אַ האָגעל פון שטעקענעס איז געפאַלען איבער זייערע קעפּ, און נאָך נישט אָנגעגאַנגען אַ טריט זענען שוין אַלע געווען אָנגעגאָסען אין בלוט...

געשטאַנען איז דער עולם „וואוילע” יונגען, וואָס האָט פון אַ ווייל אַהער געטראַכט פון אַוועקגעהן, אַזוי ווי אַ מחנה

אויפגערייצטע וועלף, וואָס האָבען נור-וואָס אויסגעבראָכען די
קראַטען, און פאַר גרויס ענטציקונג, האָבענדיג פאַר זיך אַ שלאָ-
פענדיגע סטאַדע אָקסען—נור וואָס זיי שטעהען נאָך, האַלב און-
בעוואוסט פאַר זיך, צוזאַמענגערוקט, די אויערן אָנגעצויגען, ווי
אַ בייזער שרעקענדיגער ווינד וואָלט דורכגעלאָפען... בערלען האָ-
בען זיך די האָר אויפגעשטעלט ווי אויפ'ן רוקען פון אַ ווילדען
הונד, אַ שוויַיגענדיגער איז ער אַרייַנגעפאַלען צווישען די שקצים,
איינער אַליין, נישט-קוקענדיג, ווער ס'איז מיט איהם,—האָט ער
זיך געוואָרפען אין דעם קנויל פון מענשען, אָנגעטאַפּט דעם שיי-
געץ, וואָס האָט אָבגעטהון די מעשה, פלינק אַרויסגענומען דעם
שטעקען פון זיין האַנד, איהם פערמאָכטען אַ פראַסק איבער'ן
פרצוף, פון וועלכען יענער האָט זיך אַ טאָטשע געטהון ווי אַ
שיכּור און זיך איבערגעקויקערט צו דער ערד...

— אַנ'אַלטען יוד וועסטו שלאָגען!—האָט ער געקייכט, גע-
טרעטען איהם מיט די פיס, און געוואָרגען מיט זיינע הענד, דאָס
דעם שייגעץ זענען ארויסגעקראָכען די אויגען פון קאָפּ...

די איבריגע שקצים האָבען זיך לכתחילה צוריקגעהאַלטען,
עפּיס ווי צומישט, פערטומעלט, פון דעם ווידערשטאַנד, וואָס איז
פאַר זיי געקומען אַזוי אומגעריכט, און האָבען זיך פון דער
ערשטער רגע נישט געקאָנט אָבגעבען קיין רעכענונג, וואָס ס'איז
געשעהן; נור, געזעהן האָבען זיי, ווי אַ זייעריגער ליגט אויף
דער ערד און אַ יוד טרעט איהם מיט די פיס, האָבען זיך אַלע
געוואָרפען אויף איהם, מיט די שטעקעלעך איבער'ן קאָפּ, און
דענסטמאָל האָבען זיך די יונגען צוזאַמען מיט די קיַילער-שקצים
אַ לאָז-געטהון צווישען די כאַמעס און גענומען אַרבייטען מיט די
הענד; קצבים-יונגען האָבען אַרויסגעצויגען שטאָהלען פון די כאַלע-
וועס און געשניטען ווי אין קרויט... דער מאַרק מענשען איז
באַלד פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לעבעדיגען פלאָנטער פון
יונגען מיט שקצים, וועלכע זענען אַלץ איבאייינעם געפאַלען צו
דער ערד, אויפגעהויבען זיך, מיט עקשנות אַרומגענומען, געבי-

כען מיט די ביין, געריסען פּאַסען פון די קורטקעס... שטעקעלעך זענען געפלויגען, זיך געדרעהט אין לופטען ווי די לערע זאַנגען ביים דרעשען... דאָ און דאָרטען האָט מען געקאָנט זעהן, ווי עס ליגט אויף דער ערד אַ יונג מיט אַ שייגעץ, ביידע האָבען זיך ברודערליך צרומגענומען, זיך געקוילערט, געקוילערט; אַמאָל— איז דער יונג געבליבען ליגען פון אונטען, באַלד—דער שייגעץ, ביז, ענדליך, דער יונג בלייבט פון אויבען, די אויגען—פערלאָפען, די ציין—צוגעדריקט, און רעוועט ווי אַנ'אָקס:

— אַלטע יודען וועט איהר שלאָגען?..

אַרום האָט זיך אויפגעהויבען אַ טומעל, אַ געפילדער, אַזוי גוט יודען ווי פויערלעך, וועלכע זענען זיך אָנגעלאָפען אויף די געשרייען און פערבראָכען די הענד, רייסען זיך די האָר פון די קעפּ. פויערטעס מאַכען קוויטשען, אַז זיי פאַרגלישען, און דאָ שלאָגט מען זיך, מ'ליגט אויף דער ערד און מ'רייסט זיך ווילד, מיט רציחה, און ס'איז צו זעהן: ווי אַלע ווילע לויפט אַרויס אַנ'אַנדערער שייגעץ פון קלימפער, דאָס בלוט גיסט זיך איהם פון קאָפּ, און ער שרייט:

— אָ, יעזוס... יעזוס...

אַזוי איינער נאָכ'ן אַנדערען לויפען-אַרויס די שקצים, צו-בלוטיגטע, צו'הרג'עטע, צושפּאָלטענע קעפּ, אויפגעשיילטע ליפּען, זיי צולויפען-זיך, דער מאַרק ווערט מיט דער מינוט ,שיטערער, און ליידיגט זיך באַלד אויס פון די אַלע פויערים-שקצים... עס קלייבען זיך שוין די יודען מיט די קיילער-שקצים אינאיינעם אויבען-אָן, אויך ביי זיי זעהט מען עפּיס אָב; ביי וועלכען איז דער קאָפּ צוקיילט, אַ שטערן אויפגעלאָפען, אַ באַק אָבגעשיילט, נישטאָ קיין איינער וואָס זאָל נישט האָבען קיין בלאָהע פּרענגעס, בראָן און בלאָה אונטער די אויגען...

בעריל שייגעץווישט זיך מיט'ן אַרבעל די ליפּ, וועלכע איז צושפּאָלטען, און ס'טריפּט בלוט; ער שעלט פאַר כעס אויף וואָס די וועלט שטעהט:

— גאַנצע „וואָילערס״ די כאַמעס, צו שלאָגען ווייבער מיט אַלטע יודען, אַ בראַנד מעג זיי קומען אין די בייכער אַריין, אַ פּלאַם אין די אויגען, מיט אונז זאָלען זיי זיך קאָנען פערהערען?...

— אַ קטאָ טשי טאָ זראָביל?—פרעגט ביי איהם אַ קיילער־שייגעץ.

— ווער ס׳האָט מיר דאָס געטהון, וועט שוין אַצינד אַוועקגעהן אין דער ערד אַריין, נישט צו די זעלנער...—ווייזט בעריל מיט אַ פויסט צו די דאָרפּישע שקצים, וואָס האָבען זיך גענומען עפּיס דרעהען ווי די אָנגעשלאָגענע כפּרות אין די ווינקלען פון מאַרק...

— די גאַנצע גבורה זייערע ליעגט נור אין די שטעקעלעך,—טהוט־אויף דער קליינער ברוך׳ל, וועלכער איז אַליין געלעגען פאַר דער גאַנצער צייט בעהאַלטען ערגעץ אין אַ לאָך, געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן, און ערשט אַרויסגעקראָכען, מאַכענדיג זיך פאַר אַ גבור, אַ העלד, וואָס פון זיינס אַ פלאַסק האָבען זיך אַודאי צעהן שקצים איבערגעקוילערט,—נעהמט־מען צו ביי זיי די שטעקעלעך, אַזוי נעוזמט מען צו ביי דעם די הענד...

— כי־כי־כי!..—לאַכט הייזעריגליך דער לאַנגער שמואל, חעלכען מ׳זעהט כמעט נישט אַרויס די אויגען פון קאָפּ, און האָט אַ פּנים וואָס איז בראָן און בלאָה.—מ׳וועט זיי נאָך די הענטעלעך אויך אַראָבנעהמען, נישט בלויז די שטעקעלעך...

— אָבער, ווער האָט דיך אַזוי איינגעריסט?—קייכט פאַר געלעכטער בעריל שייגעץ.—קוק דיך נור אָן, וואָלסט דיך, כ׳לעבען, נישט דערקענט!..

דער לאַנגער טהוט אַ פיהר מיט ביידע הענד איבער׳ן פּנים, און, אַפּנים, ער פיהלט זיך גוט,—שעלט ער, ווערט בייז, און וואַרפט זיך...

— און וואָס זאָל זיין?.. אַז מ׳ברויך זיך געהן שלאָגען אויפ׳ן ניכטערן!.. דאָס האַרץ חלש׳ט, און דאָ געה האָב צו טהון מיט אַזאַ געהינטעכץ...

און דער גאַנצער עולם שיט זיך אַראָב צופריעדען, לאַכענ-דיג, צו לייזער׳ן אין שיינקעל, צורעכט-מאַכען דאָס ערשטע אָנ-בייסען נאָכ׳ן ערשטען געשלעג פון טאָג...

אין דער אייגענער נאַכט האָט זיך לייזער שיינקער נישט אויסגעטהון; אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען על התורה ועל עבודה, גערייניגט די טישען, געוואַשען די פּאָדלאָגעס, געשאָבען, געפּליקט דעם שמאָדער מיט די ציין... ער האָט אויסגעליידיגט אויף זיין שטיבעל, וואָס ער האָט פאַר אַ גאַנץ יאָהר געהאַט פאַר אַ מקום-מנוחה פאר זיין ווייב און קינדער, איבערגעטראָגען דאָס ביסעל בעביכעס זיינס ערגעץ אויף אַ בוידעם, פערשטופּט אין אַ לאָך, גראָד ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף צו-מאָרגענס אויף עפּיס אַ וואַזשנע רעוויזיע; די גראַטעס זענען אויסגעליידיגט, דאָס ווייב— פּערקאַטשעט די אַרבעל, דאָס קלייד ביז׳ן גאַרטעל, שווענקט, פּרישט-אויף דעם קאַסע-טיש: אַלץ זאָל בלאַנקען, לייכטען. און די אֶמת׳ע סבה פון דעם אויפריכטען, ווען מ׳זאָל איהם פרעגען, וועט ער איין גלייך דערצעהלען:

— אַז מאָרגען הויבט-זיך-אָן דער פריזיוו, און דאָס איז זיין סעזאָן, אויף איהם קוקט ער אַרויס ס׳גאַנצע יאָהר; אין די טעג וועלען ביי איהם זיין אַלע רעקרוטען, סיי אַזעלכע וואָס וועלען אַוועקגעהן דינען, און סיי אַזעלכע וואָס וועלען זיך אויסדרעהען—וועלען אַלץ מוזען אָנקומען צו איהם, פערזוכען זיינס אַ גלעזעל בראָנפען, אַ קופּעל ביער אַראָבלאָזען, און אַ פריש געבראָטען שטיקעל געגנזענס פערבייסען...

שוין קעגען טאָג האָט ער אַוועקגעשיקט ס׳ווייב מיט אַ שטיק דערין געגנזולעך צום שוחט, אַליין זיי געהאָלפען פליקען און

אָבמאַכען; נאָכן עם זיך אַרומגעזעהן, אַז ס'איז אין דער אַנדערער שטוב נישטאָ וואו צו זיצען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אויפ'ן בית-המדרש-הויף, וואו ס'ליגען אָנגעגרייט בענק, אויף די ימים-נוראים'דיגע טעג, און וועלכע אויך דער שמש בענוצט פאַר אַ גאַנץ יאָהר צו אַלע שמחות אין שטאָדט, ווי ביי חתונות און ברית'ן,—און ביי די בענק האָט ער זיך שיער נישט איבערגעריסען, ביז ער האָט זיי געבּרענגט צו שלעפּען אַהיים, צו זיך אין שטוב, און צרומגעשטעלט אַרום די ווענד.

אַצינד, ווען דער עולם האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו איהם אין שטיבעל און דערזעהן די צדערקעס מיט די פּופּקעס, ווי זיי ליגען אויסגע'סדר'ט אויפ'ן קאַסטע-טיש, אַזוי האָט עס זיי אַ ציפּגעטהון פאַר די לעבער, און די שלונגע איז יעדען געקומען זיין מויל אַריין; דאָס גלאַנצען פון די מעשענע קראַנען פערבלענדט די אויגען—און דער עולם, ווי די הײשעריקען, האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסען, און אײדער וואָס-און-ווען איז דער טיש געווען גזל, אָבגעליידיגט, כּלחוך השור—אָבגעלעקט מיט די ביינער...

נאָכדעם צוזעצט מען זיך אַרום די טישען און בענק. לייזער שטעלט-אויף אַ פּאָר פרישע פעסלען ביער, און די גלעזער הויבען-אָן שוימען, אויסליידיגען זיך איינס נאָכ'ן אַנדערען אין די טוצען-אַריין... און אַז דער עולם איז שוין באַלד מלא, אָנגעפרעסען און אָנגעזויפען, פערשאַרצט זיך לייזער די פּאָלעס, און מיט פינקלענדיגע אויגעלעך דערלאַנגט ער אַ חשבון:

— כך וכך קומט איהם פאַר פּופּקעס... כך וכך פאַר געגזלען... כך וכך פאַר ביער...

און מאַכט זיך נאָך אַנ'אויסרייד:

— דאָס ער וואָלט גאָרנישט גערעדט, נור מחמת ער פערשטעהט, דאָס מיט דעם ביסען געהט נאָך נישט דער עולם שלאָפען דעם טאָג... און איבער דעם ברויך ער תיכף בעשטעלען פריש ביער, און ס'„ברויז" שיקט נישט אָהן געלד, די געזלערקע

גיִט אַודאַי ניִשט, פֿונדעסטוועגען, טרײַבט ער חלילה זײַ ניִשט אַרויס, זײַ מעגען זיִך נאָכדעם זיִצען אַ גאַנצען טאָג אויך...

בעריִל בעלײַדיִגט-זיִך ניִשט; ער פֿערדרײַסט דעם קאָפּ מיִט אַ מיִנע פֿון אַ גדול און ווײַזט-אָן אויפ'ן פֿריִשען עולם, וועלכער צאָהלט; צוויִשען דער חברה וואוילערס געפֿיִנען זיִך דאָסמאָל אַ סך פֿון די „ווײַכע" מענשלעך, וועלכע האָבען אַ גאַנצען זומער זיִך געקענט ווי-ניִשט-ס'איִז אויסדרעהען, אָבער ווײַטער געהט עס ניִשט, און מ'מוז מיִט-טאַנצען... די דאָזיגע שטעהען פֿעררוקט איִן אַ וויִנקעלע, דרעהען די געקרײַזעלטע פּאות'לעך עפּיס אַזוי פֿער-טיִעפֿט, און פּיִהלען זיִך ווי אַ סטאַדע פֿערבלאָנדזשעטע שאָף, וואָס איִן פּלוג פֿרעגט זיִך טאַקי:

— ווי קומען די ריִבען איִן דעם זאַק אַרײַן?..

נור-וואָס פֿון זײַערע געזיִכטער קאָן מען אַראָבלײַענען אַ טיִעפֿע קרענקליִכע מיִנע, ווי אײַנער זאָגט:

— אמת, מיִר קומען טאַקי ניִשט, נור אַ ברירה האָט מען?.. פֿון די זעלנער קען מען זיִך טאַקי ווי-ס'איִז-ניִשט אַרויסהעלפֿען, אָבער פֿון אַ רעקרוט זײַן—ניִשט; דאָ געהט עס ניִשט!..

און—צוויִשען די וואוילע יונגען געפֿיִנען זיִך אַ סך פֿריִשע, וואָס זענען צוגעקומען פֿון די שטעדטלעך: געזעלען-יונגען, די האָבען זיִך גלײַך ווי די פּויערים-שקצים זיִך מיִטגעבראַכט די זאַ-כען מיִט די קעסטלעך, און כאָטש—אַ פּנים חדשות, איִז עס גאָר-ניִשט קײַן מניעה מ'זאָל זיִך געבען גלײַך די העַנד איִן דעמזעל-בען טאָג, ווי די אַלטע גוטע בריִדער, און צוזאַמען לעבען אַ טאָג...

צו דער צײַט האָבען זיִך געדרעהט די שקצים אויפ'ן מאַ־ק, זיִך געקליִבען מחנות-ווײַז און געזוכט אַנ'עצה: מיִט וואָס זיִך אָב-

צורעכענען פאַר די קלעפּ, וואָס זיי האָבען בעקומען?.. און יענע וואָס מיט די געשוואָלענע קעפּ, האָט מען אַריינגעפיהרט צווישען די פרישע שקצים, בעוויזען זייערע צורות, און אויפגערייצט:

— זעהט... זעהט, וואָס די יודען האָבען אונז געטהון... זעהט ווי זיי האָבען אונז צוקוילט... צובײַלט... וועט מען זיי דאָס אַזוי שענקען?..

און פון אַלע גמינעס האָבען זיך די שקצים געקליבען און געגרייט. און איינער, וואָס האָט גאָר נישט געקאָנט ריהרען מיט'ן קאָפּ, און זיין פנים האָט אויסגעזעהן ווי אַ פריש-בלאָהה צופרע-סען הײַפּטעל קרויט—האָט זיך געשוואָרען:

— אַז דאָס האָט איהם גאָר אַנ'איינער געטהון!.. אַ קרושעשציאַנין!..

מאַכט זיך אַ מעשה: ס'ברויכען גראָד אָנקומען איניגע יונ-גע-לייטלעך, אויסגעדבר'טע, וואָס האָבען גאָרנישט געוואוסט פון קיין פּותר און קיין חלום, און געוואָלט, פשוט: אַרײַנגעהן אין הויף פון „פּאָוויאַט“. דאָ האָבען זיי פערשטעלט דעם וועג עס-ליכע שקצים, ביי וועלכע דער כעס פון פריהער האָט ערשט גוט געברענט, און ס'האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען געשוואָרען מיט ראיות, מיט אותות ומופתים:

— אַז זיי האָבען פריהער געשלאָגען!...

האָבען זיך די שקצים געוואָרפען אויף די יונגע-לייט, און גענו-מען זיי שלאָגען מיט שטעקעלעך איבער די קעפּ, דאָס די יודי-שע יונגע-לייט זענען תיכף געפאַלען צו דער ערד און זיך בע-גאָסען מיט בלוט; האָבען די טאַטע-מאַמעס, וואָס זענען געווען מיט זיי—זיך געוואָרפען איבער זיי מיט זייערע לייבער, אָבוועה-רען די קינדער און אויפגעהויבען אַ האַרץ-רייסענדיג געשריי:

— יודען, ראַטעוועט אונזערע קינדער!.. בעשירמט אונז פון די גוים'ס הענד!..

די איבריגע שקצים, האָבענדיג נחת פון דעם שפּיעל, האָ-בען זיך געוואָרפען איבער די שטעלען פון מאַרק, אָנגעפּאַקט

זיך פולע קעשענעס מיט עפעל, פלוימען, באַרנעס, און מיט דער רעשט זיך געמאַכט פאַר אַ שפּילעכעל: געוואָרפען מיט פערגע־ניגען איבער׳ן מאַרק—האָבען יודען, קרעמער, גענומען פערהאַקען די טהירען פון די קראָמען, און ווייבער—זיך צו פליקען אויף זייערע קוויטשיגע קולות:

— יודען, מ׳ראַבעווען אונז... מ׳נעהמט אונז צו דאָס לע־בען מיט׳ן פערמעגען!..

אין די אַנדערע גאַסען, וואו עס האָבען דערגרייכט די קולות מיט די געשרייען, האָט מען געמיינט: מ׳שעכט דאָרטען אויס גאַנצע געזינדען, און אַלץ האָט זיך איבער איין רגע אָבגעטהון פון גאַס, די הויפען זענען געוואָרען ליידיג, טהיר און טויער פערהעמערט, מ׳איז געלאָפען זיך בעהאַלטען: ווער אויף אַ בוידעם, ווער אין קעלער, וואו נור איינער קאָן...

דענסטמאָל איז אויך אַ יוד מיט אַ געשפּאַלטענעם קאָפּ און אַ צוריסענעם פנים, פון וועלכען דאָס בלוט האָט געיאָרזשעט, או־זיך קוים מיט׳ן לעבען גערעטעוועט פון דער בראַנד—אַריינגעפאַלען אַ פערצאַפּעלטער צו לייזער׳ן אין שיינקעל.

— גוואַלד, יודען, איהר זיצט דאָ און עסט בנעימות, און אין דרויסען ווערט חרוב אַ שטאָדט, אַ ישוב געהט אַוועק פון דער וועלט, מ׳שעכט קינדער אין די וויגען...

איז דער חברה דאָס בלוט פערקיהלט געוואָרען אין די אָדע־רען; דאָס פלייש געבליבען שטעקען אין די העלזער, אַ טריט ווייטער נישט צו געהן, די גלעזער רייער האָבען זיך אַרויסגע־גליטשט פון זייערע הענד, און אַ רגע געקוקט סתם אין דער וועלט־אַריין, ווי אַ שטייגער זיך געוואָלט איינהערען צו דער גאַס אין דרויסען—וואָס אַזעלכעס ס׳קומט פאָר דאָרטען, געווענדט זיך צום יוד, ווי ער וואָלט זיי עפּיס נישט געווען בעגלויבט, און די גאַנצע געשיכטע נישט מעהר ווי אויסגעטראַכט—האָט אָבער גע־רעדט זיין צובלוטיגטער קאָפּ:

— שענקען אַזאַ זאַך?.. נבלה עשה בישראל — זאָן זײַ שווײַגען!..

— קינדער, אויף קידוש־השם! — האָט נאָך עמיץ געלאָזט פאַלען אַ וואָרט.

און ווי די אמת׳ע גבורי ישראל האָבען זײַ זיך געגעבען אַ שטעל־אויף, און מיט אָנגעדראָלטע פּויסטען, מיט פולע אויגען בלוט זיך געלאָזען איבער׳ן גאַס; און ס׳איז געווען, ווי זײַ האָבען דערזעהן דעם חורבן, דערהערט די געוויינען פון די מוטערס, דערזעהן די קאַלוזעס בלוט אויף די שטיינער, זענען זײַ געוואָרען ווילד פאַר כעס און רציחה, אַרויסגעכאַפּט קלאָניצעס, נאָרציקעס פון די וועגען, פון די אײַגענע פויערשע וועגען, און גענומען פאַכען מיט זײַ צווישען די קעפּ פון די שקצים, וואָס האָבען גע־ווילדעוועט אויפ׳ן מאַרק... די שקצים האָבען דאָסמאָל אויך נישט געשוויגען, זײַ האָבען זיך, אַפּנים, פון פריהער געהאַט גוט אונ־טערגעגאַרטעלט צו דער מלחמה, און עס האָט זיך צושפּילט אַ בלוטיג געשלעג... די יונגען מיט די קיילער־שקצים האָבען שוין בעקומען גוט אָנגעשלאָגען, נור וואָס ׳הר זײַ האָבען בעקומען, מעהר ווילדער זענען זײַ געוואָרען; די פויערים־שקצים זענען געווען אַ סך, צעהן אַוודאי אויף אײנעם, און אפשר — הונדערט אויף אײנעם, נור די יונגען האָבען זיך נישט פערלוירען, ווי עכטע געניטע און אַלטע שלעגערס איז קיין אײנציגער קלאַפּ פון זײַערס אַ האַנד נישט געגאַנגען לאיבוד; עס האָט זיך צושפּילט בײַ זײַ דער כח־הדם און זײַ האָבען גאָר נישט געשפּירט די שטעקענעס וועלכע פאַלען אַלץ־אינאײנעם איבער זײערע לײַבער, האָבען אַפילו נישט געפּיהלט ווי זײַ ווערען אָבגעגאָסען מיט בלוט, נור־וואָס אַ רגע געוואָרען מעהר ווילדער, צוריצטער, און האָבען געשניטען פון אַלע זײַטען... עס איז נור געווען צו זעהן: ווי עס פאַלען די שקצים, פאַלען פון די פיס, גליטשען זיך אויס, ווער איבער אַ וואַנד, וועלכער אויף דער ערד, שטעלען זיך צוריק אויף די פיס און פאַלען נאָכאַמאָל, ווער — צווישען די פענסטער, צווישען די

וועגען... עס גיסט זיך בלוט פון די קעפ, וואס זענען ביי פיער אנגעלאפען, געשוואלען, און די יעניגע לויפען ארויס פון דעם קלימפער, פלאנטערען זיך אויף די פיס עפיס ווי האלב-שכור און צומישט, אזוי איינער נאכ׳ן אנדערען, ביז זיי ווערען פערפאלען ערגעץ אין אנ׳אנדער גאס אריין...

און אזוי האבען זיי צוטריבען און פונאנדערגעיאגט די אלע פויערים-שקצים איבער אלע וועגען פון שטאדט ארויס...

גע‏בליבען איז חברה „וואוילער” אין א מעמד—איז געווען א חורבן צו זייערע יאהר; אהן נעז, אהן אויגען, מיט צוקיילטע פנים׳ער, און איידער וואס נאך, זיי האבען צייט געהאט זיך ארומצוזעהן: ווע‏מען מ׳ברויך פערבינדען א לאך אין קאפ, וועמען—גלאט אבוואשען דאס בלוט, וואס גיסט זיך ווי פון אנ׳אבגעשפענטען צאפען—איז אנגעקומען צולויפען א רעקרוט, און אויסגעשריגען מיט איין אטעם:

— קינדער, ליאסעווען, אונזער גמינע איז די ערשטע!..

אויף תהלים!

דרייַ טעָג האָבּעָן זיִך געָצויגעָן די ליאָסעָן. און איִבּעָר די דרייַ טעָג דאָבּעָן זיִך די געָשלעָגעָן אייַנגעָשטיִלט, די מלחמות—אויפגעָהעָרט; וועָלכעָ פון די שקצים האָט מעָן אויף אַ פשוט׳עָן אופן אַרויסגעָהאַקט די חוצפה, געָלעָרנט שכל, און וועָלכעָ ס׳זעָנעָן גלאַט צוליִעב די הויכעָ נומעָרן, וואָס זיי האָבּעָן אַרויסגעָצויגעָן—צוריִק אַהיים געָפאָהרעָן איִן די דעָרפעָר, און איִן שטאָדט האָט זיִך דעָר פריזיוו צוריִק אַרויסגעָרוקט פון די געָסלעָך און מאַרקעָן, וועָלכעָ זעָנעָן געָבּליִבּעָן צוריִק לייִדיִג און וואָכעָדיִג ווי איִן אַלעָ טעָג פון אַ גאַנץ יאָהר. אַחוץ דאָרטעָן, אויפ׳ן הויף פון „פאָוויאַט״, בּייַ וועָלכעָן ס׳האָט זיִך עָפּיס אָבּגעָשטעָלט, און געָקליִבּעָן אַ הייַפעָלעָ מעָנשעָן, נור דאָס איִז שוין געָוועָן אַ פריִוואַטזאַך מעָהר, און ס׳האָט געָטראָגעָן אַ פראָסטעָן, וואָכעָדיִגעָן כאַראַקטעָר.

איִן עָרשטעָן טאָג פון אָבּנעָהמעָן האָט זיִך שוין דאָס שטעָדטעָל געָוויִעגט; און אַ האַלבּעָר עולם איִז געָלעָגעָן אויפ׳ן פעָלד, געָוויינט, געָריִסעָן, געָבּעָטעָן רחמים:

— אויף דעָם, וואָס דעָר דאָקטאָר איִז אַנ׳אָמת׳עָר שוחט; אויגעָן, אויעָרן, און פיִנגעָר—אַלץ ווערט בּייַ איִהם געָ׳כשר׳ט און צוגעָשניִטעָן מיִט איין מאָס: יאַנקעָלעָ פיִנטשעָ׳ס, בּרוך זלמנ׳ס, מאיר שרה-גיִטעָלעָ׳ס.

— אַלץ קאַליִקעָס פון דעָר מוטעָרס בּויך, און אַלעָ—צוגעָהאַקט...

און מ׳זאָל צוקומען צו אִיהם אִיז נִישטאָ קיין אויסזִיכט פאַר כל הון דעלמא...

פֿאַרנאַכֿט-צו אִיז שוין דער גאַנצער יודִישער עולם געווען אִין בית-המדרש. אָבגעדאַווענט געוועהנלִיך אַ הײסען מנחה ווִי צו ערב יום-כפור, האָט מען זִיך נאָך מעריב געזעצט לערנען אויפ׳ן הויכען קול. גרויסע מענשען, וואָס זענען אִין פלוג פערבלִיבען אִין בית-המדרש און געהאַט גרויס שברת-הלב, האָבען אויפגעמונטערט דעם עולם מִיט אַ וואַרִים וואָרט:

— בעט... בעט... בײַ גאָט אִיז קײנמאָל נִישט שפעט...

מ׳האָט אָנגעצונדען אַלע לאָמפען, אִין אַלע רעהרלעך פון דִי הענגעל-לײַכטער ברענען לִיכט, דער גרויסער עולם זִיצט שוין אַרום דִי טִישען און לערנט... שטאַרק גִיט-אָב דִי לִיכטִיגקײַט אויף דִי מִידע, אויסגעמאָגערטע און קרענקלִיכע געזִיכטער, וועלכע זענען פאַר דער לעצטער צײַט געוואָרען נאָך בלײכער, קרענקלִיכער, און וואָס פון זײערע אויגען נור שײַנט-אַרויס אַ הײס שוואַרץ-גלִיהענדִיג פײַער, וואָס ווִיל זִיך ווִי דורך עפִּיס אַנ׳עקשנות נִישט פערלעשען; מִיט אַ ברען צושאָקלען זִיך דִי יונגע-לײַטלעך אִיבער דִי אָפענע גמרא׳ט, צושרײַען זִיך אויף זײערע קול׳עכלעך, וואָס זענען מעהר עהנלִיך צו עפִּיס האַרץ-רײַסענדִיגע נגונים, און ס׳זעהט אויס: גאָר נִישט ווִי ס׳וואָלט זײ עפִּיס דאָרטען אַזוי קשה געווען, נור ווִי אִיטלִיכער בעזונדער וואָלט געפִיהלט אַ שרעקלִיכען אִינערלִיכען וועהטאָג, און מִיט דעם „אָמר אַביי” זײַנע אײגענע יסורים געוואָלט פערשרײַען...

— זאָלען קלאָגען און ווײנען דִי אַלע, וואָס ווִילען אִיבערבלײַבען אִין-דער-הײם,—האָט זִיך געזאָגט מִיט גדלות בערִיל שײגעץ,—און דער, וואָס געהט-אַוועק דִינען מִיט׳ן גוטען ווִילען, דער האָט נִישט פאַר וואָס קײן פחד צו האָבען!...

און פול אִיז אויך בײַ לײזער׳ן אִין שײנק; דער עולם „וואוילע” יונגען האָט זִיך צולעגט אִיבער טִיש און בענק. אִין בײדע שטובען בײַ אִיהם שטעהט אַ רויך פון דִי אויסגערויכערטע

פּאַפּיראָסען, און ס'זעהט-אויס ווי אין אַ קאַזאַרמע. די לאָמפּען, וואָס ברענען טונקעל, שטעהען אין אַ געדיכטען נעבעל, אַז עס זעהט זיך נישט שאַרף דער פּלאַם, נור עפּיס ווי אַ מאָנטנע ליכ־טיגקייט, וואָס וואָלט אַזוי אָהנאויפּהער געראָויכערט פון זיך זעלבסט; און אָט דער נעבעל לעגט זיך געדיכט און שווער אויף די הער־צער פון די יונגען, ביי וועלכע ער רייסט-אַרויס אַ הוסט נאָך אַ הוסט...

ס'איז הייס... די אויגען פינקלען מאַט, לעשען זיך. נישט ביי אַלעמען נאָך האָבען זיך פערהיילט די לעכער, האָבען יענע אַרומגעבונדען די קעפּ, פערקלעבט שטיקער פּנים'ער; צווישען עולם געפינט זיך אויף חברה יד-אַחת'ניקעס, די קיילער-שקצים, מיט די דאָזיגע הויבט-שוין דאָס ליעבשאַפט אָן צו ווערען קעלטער, און די אייגענע האָבען אויך פראַנק-און-פריי אַראָבגעוואָרפען די היטלען פון די קעפּ און שפּילען מיט די יונגען אין קאָרטען...

— וואָס וועט זיין מיט ביער?--פרעגט זיך מיט-אַמאָל דער לאַנגער.

— נאָך ווייניג געזויפען?—רייסט זיך אַרויס אַ קול פון דער אַנדערער שטוב...

— סטאָל פּיסק!—שרייט-אָן אויף איהם אַ שייגעץ.

שמואל לאָזט זיך נישט בענוגען מיט דעם, און ער קריכט-אַרויף אויפ'ן טיש, נעהמט טאָפּען מיט די פיס איבער דעם היל־צערנעם בלאַט, אַז אויפ'ן קאַסע-טיש הויבען-אָן צו טאַנצען די גלעזער, און אין די פענסטער—די שויבען צו ציטערן...

— וואָס וועט זיין מיט ביער?.. וואָס וועט זיין מיט ביער?..— שרייט ער.

— קריך אַראָב פון טיש,—שרייט בעריל, שוין זייענדיג אין כעס,—אַנישט וועל איך דיך הייסען אַראָבשלעפּען ביים קאָפּ.

— כ'וועל נישט אַראָבגעהן, ביז ס'וועט נישט זיין קיין ביערו—עקשנ'ט זיך דער לאַנגער.

— משוגע'נער, ווער וועט דיר געבען? דו האָסט דאָך נישט

קיין גראָשען ביי דער נשמה?..—שטעהט שוין אויף דער לאַנגער.

— זאָל זיין שטיל, וועל איך אייך זאָגען: ווער ס׳האָט צו געבען!..—און ער הויבט-אויף די האַנד, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט מיט עפּיס צו איבעררעשען דעם עולם.

עס ווערט אַ געקאָכעריי, אַ טומעל, אַ געשריייעריי, וועלכעס געהט-איבער פון איין שטוב אין דער אַנדערער, און וועלכעס שטילט זיך אויף איינ; חברה וואַרפט די קאָרטען, און אַלע שטעלען זיך נייגיעריגע אויף, הערען וואָס דער לאַנגער וועט דאָ אויפטהון?

— חיים,—ווענדעט זיך דער לאַנגער צו אַ רעקרוט,— חיים, דו ביזט איינער אויסגענומען פון אַלע, וואָס האָסט בעקומען אַ ווייסען בילעט, און אַ ווייסער בילעט קאָסט אַ פעסעל ביער...

אין שטוב שטעהט אַ טומעל, אַ געלעכטער, מ׳הויבט זיך פון אַלע זייטען אונטער אויף די שפּיץ נעגעל, און מ׳זוכט מיט די אויגען חיים׳ען דעם רעקרוט.

און חיים דער רעקרוט, וואָס מיט׳ן ווייסען בילעט, אַפּנים נישט קיין מפיל-קינד פון דערהיים-אַרויס, ענטפערט איהם גלייך אין טאַטען-אַריין:

— און אַנישט, ווסטו נישט אַהיים-געהן די נאַכט שלאָפען? מעגסטו פערבלייבען אַ מת דאָ אין שיינק...

חברה ווערט אויפגעקאָכט פון דעם תירוץ, אַ שטילער מורמעל לויפט צווישען זיי אַדורך, די זאַך האָט זיי שוין גוט געקרענקט אויף...

— וואָס? אַנ׳אייגענעם חברה-מאַן אַזוי געבען אין טאַטען-אַריין? און ווער? עפּיס, דער רוח ווייס: אַ רעקרוט, אַנ׳אויסוואורף, פון אַלדי שוואַרץ יאָהר!...

דער לאַנגער האָט קאַלטבלוטיג אַראָבגעשלונגען די פּיל, קיין איין קרים זיך נישט געטהון, און גאָר נישט ווי קיין שכור זיך גאַנץ געמיטליך גערעדט:

— חברה! וואָס קומט דעם רעקרוט חיים, וואָס ער האָט מכבד געווען מיט אַנ׳עליה אַנ׳איינגענעם גוטען ברודער?

און חברה פּלאַצט-אַרויס:

— אויספּראַסקען איהם אַ צורה!..

— אונטערהאַקען די זייטען!..

איינער טהוט-אויף:

— אויסגעהן די גאַנצע גאַס אויף די הענד!..

עולם איז אַרויס פון די כלים, און דאָס געשריי ווערט גרויס; דער לאַנגער וויל עפּיס זאָגען, מוז ער צופריהער טאָפּען מיט די פיס, מאַכען מיט די הענד, ביז ס׳זאָל זיך איינשטילען, און מ׳זאָל איהם וויטער הערען...

— חברה,—לעגט-פאָר דער לאַנגער,—מ׳ברויך מאַכען אַ סאָנדו!..

דער עולם כאַפּט-זיך-אָן אין אויפּטהו מיט ביידע הענד; דעם רעקרוט חיים געהט דאָס עסק עפּיס אין נאָז-אַריין, עס הילכט איהם שוין אין די אויערן דאָס געלעכטער פון דעם צורייצטען פּעבעל, פּיהלט די אַלע אויגען, וואָס נעהמען איהם אַדורך מיט חוזק, די אַלע הענד, וואָס הויבען-זיך פאַר זיינעטוועגען, די ציין, וואָס שאַרפּען זיך, פערשטעהט ער: דאָס אין דעם מקום, וואו ער איז אַריינגעפאַלען, וועט איהם דאָס וואוילערישקייט זיינס קנאַפּ גאָר העלפען, אויסער ער זאָל בעקומען גוט די ביינער אויסגע-בראָכען,—ווערט ער תיכף שוין ווייכער, איבערגעקעהרט צום גוּ-טען, און פּרובט זיך נאָך בעטען מיט אַ האַלב מויל, שטאַמלען:

— וואָס ווילט איהר פון מיר?.. איך האָב דאָך אַ מאַמע אין-דער-היים... כ׳האַלט-אויס אַנ׳אָרימע שטוב, אַ גאַנץ הויז-געזינד... אַ שוועסטער... צוויי ברידער... וואָס ווילט איהר פון מיר?..

— איך וועל מיר נישט מאַכען פון דעם, וואָס דו רעדסט, נור ווילסטו זיין אַ נאַש-בראַט, אַ בראַט פון די ברעטער, לעג אַוועק דיין וואוילערישקייט און בינד-אויף דעם בייטעל—אַ ווייסער בילעט איז אַ פּעסעל ביער... און צו דעם וועט דיר נישט העל-

פֿען, ניִשט קיין גאָט און ניִשט קיין טאָטער; און ווילסטו אָבשניי-
דען שלא בכבוד—זאָלסטו נאָך רעדען אַ וואָרט...

און דער גאַנצער עולם פאַלט-אָן אויף חיים'ען דעם רעק-
רוט, אַ ביסעל העֶנד גיבען איהם אַ נעהם אין-דער-לופטען און
ער פליהט גלייך ווי אַ שפּענדעל איבער די קעפּ; זיין פּנים ווערט
בלייך ווי אַ קרייד, און ער שרייט-אויס מיט אַלע כּחות:

— האַלט!.. וואָס ווילט איהר?.. ביער—נאַט אייך ביער...
נאָט אייך נ'ביטעל מיט'ן געלד...

און באַלד דערנאָך ליעגט שוין חברה בייזאַמען איבער די
טישען און בענק, און טרינקען; גיסען אין זיך אַריין דאָס ביער
ווי אין די ליידיגע פעסער; די אויגען ווערען ביי זיי נאַס, וואַ-
סערדיג, די שלייפען—פֿערדרעהט, און ס'דוכט זיך: ווי זיי וועלען
דאָ באַלד נעהמען פאַלען צו דער ערד, פאַלען ווי די אויסגע-
פּליקטע בוימער אין וואַלד נאָך אַ שרעקליכען שטורם, און בליי-
בען ליעגען, ווי די מתים, איבער אַ גאַנצע נאַכט...

און דאָ טרעט-אַרויס דער לאַנגער שמואל און רופט:

— קינדער, מ'ברויך געהן אויף תהלים!

איהם ענטפערן-אָב אַ סך היזעריגע קולות אויף אַמאָל,
פון מענשען וואָס שאָקלען זיך מיעד, האַלב שכּור, און מאַכען
מיט די הענד:

— אויף תהלים...

— תהלים...

דער גאַנצער עולם פּאַקט זיך אויף-אַמאָל אַרויס אין גאַס.
דער זייגער איז שוין נאָך צעהן. אַ האַלבע שטאָדט קראָמען זע-
נען שוין פערמאַכט, און פון יענע, וואָס זענען נאָך אָפען, שפּאַרט

זיך אַרויס אַ קאַרגע ליכטיגקייט איבער די קליינע ענגע געסלעך; עס זיצען די יודען קרעמער טיעף אין די קראָמען, איינגעהילט אין די כאַלאַטעלעך, כאַפּען אַ ציטער פֿאַר קעלט, דרימלען־איין און וועקען זיך איבער, און די מחשבה ביי זיי אַלע אַפּנים איז:

— וואָס דער רעגען לאַבערט כסדר אַ גאַנצען געהענדיגען טאָג. כּון שטויב איז געוואָרען אַ בלאָטע, אַ שיטערע בלאָטע, אַ טאָפּיעלע, און דאָס איז שוין געווען אַ בשורה, אַז דער פדיון וועט זיך אויף אַ העלפֿט פֿערקלענערן; און וואָס אַ טאָג, פֿערשטעהט זיך, וועלען דאָך די רעגענס ווערען גרעסער, און די בלאָטעס אין שטעדטעל—געדיכטער, ווייכער, און במילא אויך דער פדיון—שוואַכער און קלענער...

דעם עולם האָט די אָסיענדיגע נאַכט אַ ביסעל אויפֿגעפֿרישט; אַזוי־צו־זאָגען: אַרויסגעצויגען דעם סוואָנד פֿון די קעפּ, און מ׳האָט זיך אָנגעקגעלאָזען איבער׳ן גאַס פֿרעהליך, מיט געזאַנג...

— יודעל, גיב אַהער אַ פּעקעל פּאַפּיראָסען!—שטעלט זיך־אָב בעריל שייגעץ, און שרייט־אַריין צו אַ יוד אין קראָם, און אַלע הינטער איהם בלייבען שטעהן און וואַרטען...

יודעל דער קרעמער, אַ נידריג־ריהרעוודיג יודעל מיט אַ שוואַרץ בערדעל, געהט־אַפּער צו איהם מיט אַ פּעקעל פּאַפּיראָסען, און די הענד ציטערן ביי איהם:

— זאָל ער אָבגעבען די פּאַפּיראָסען צופריהער—זענען זיי יבש; בעטען צופֿריהער פֿאַר זיי געלד—קאָן מען וויטער שלעכט אָבשניידען; און מאַכען זיך כלא־יודע—אַ שאָד דער פדיון, אפשר וועלען זיי דאָך בעצאָהלען?..

בעריל נעהמט דערוויל אַרויס דאָס פּעקעל פֿון זיין האַנד, צוטיילט עס צווישען דעם גאַנצען עולם, און בעט שוין נאָך:

— יודעל, גיב אַהער נאָך איינס... גיב נאָך צוויי... נאָך דריי...

— און פֿאַר־דעם געלד?—שטעלט־זיך יודעל כמעט איין, און הענד און פֿיס וואַרפֿען זיך הינטער איהם...

— מאָרגען, ווי כ'בין אַ יוד, מאָרגען—שווערט זיך בעריל מיט כל השבועות,—ווי איך וועל דיר אַריינגעבען... ווי דו זעהסט מיך אַ לעבעדיגען!..

יודעל קרעמער שטעהט איינגעטונקט אין בלוט:

— איך בעט אייך, וואָס ווילט איהר גראָד פון מיר?.. וואָס האָט איהר זיך צוגעקלעבט צו מיר—ס'זענען דאָך נאָך דאָ אַנדערע קרעמער אויך, געהט'ס צו זיי אויך!..

דער עולם פּלאַצט פאַר געלעכטער; בעריל האַלט זיך אין איין שווערען:

— בנאמנות, יודעל, ווי איך וועל דיר אַריינגעבען דאָפּעלט געלד פאַר זייף נו?.. דו ביסט דאָך עפּיס אַ פאַרך, אַ ליידאַק! אַ סוף—האַלט נישט אויף דאָס גלות... גיב וואָס דו האָסט צו געבען!..

יודלען קומען טרעהרען אין די אויגען.

— ר'זעגט דאָך ערגער פאַר די גוים!.. זיי שלאָגען—מילא, טהוט וועה, און איהר ווילט דאָך מיך בדיל-הדל שטעלען, אויסטהון ביז צום העמד!.. וואָס בין איך ראָטשילד?.. וואָס, האָט איהר דאָ אָנגעטראָפען אַ גרודע גאָלד?.. אַ שמאַלץ-גרוב?..

און ווער ווייס, מיט וואָס ס'וואָלט זיך אַזוי געענדיגט, ווען ס'זאָל איהם נישט קומען צוהילף זיין ווייב, אַ נידריגע יודענע, וועלכע האָט עפּיס אין שלאָף דערהערט פון דעם וואָס ס'געהט דאָ פאָר אין דרויסען, און כאַפּענדיג ביידע וויינענדיגע קינדער אויף די הענד, מיט די פּופּקעס אין דרויסען, איז זי אַריינגעפאַלען מיט זיי אין קראָם, ווי אַ גזלן מיט זיין רויב, זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ תקיפות פון אַ לייב.

— וואָס?.. צוטראָגען וועט איהר מיך?.. אַנו, וועלען מיר טאַקי זעהן!..

און זי שטופּט דערביי אַרויס איהרע קליינע צוויי עופעלעך, ווי איינער זאָגט:

— נעהמט אייך און—הרג'עט...

און דער גאַנצער עולם שטעהט מיט פולע מײַלער צוגג:

— נאַ דיר גאָר אַ יודענע און געה מיט איהר אין מלחמה פּריין...

און נישט-לאַנג געזוימט און דער עולם האָט זיך פון דאָרטען אָבגעטראָגען; אָנגעקומען זענען זיי פאַר'ן גרויסען בית-המדרש און געבליבען שטעהן ווי געפּלעפּט. אַ שטאַרקע ליכטיגקייט שפּאַרט זיך אַרויס דורך אַלע פענסטער וואָס איבער'ן הויף, און איבער דער גאַנצער גאַס... און דאָס ברענען פון די ליכט אינווענייג זאָגט-אָן עפּיס פון אַ גרויסען יום-הדין, און אַז אינווענייג ברויכען ליטגען יודען אויף דער ערד, אַ גאַנצע עדה יודען, וועלכע האָבען צוריסען זייערע קליידער, אָנגעטהון זעק מיט אַש אויף די קעפּ, און אַלע צוזאַמען וואַרטען זיי, די יודען, ביז מ'וועט קומען און זיי אַוועקפיהרען אַויף אַזאַ אָרט, וואו זיי וועלען באַלד אומקומען על קדוש-השם — — — — — — — — — — —

— — שרעקליכע, וויינענדיגע קולות טראָגען זיך פון אינווענייג, הייזעריגע ניגונים פלייצען, אין וועלכע עס שטעקען אַזוי פיעל נישט-אַרויסגערעדטע בקשות... און דאָס אַלץ שפּאַרט זיך אַרויף צו די פינסטערע הימלען, וועלכע שטימען מיט זייער געדיכטע פינסטערניש, און איבער אַלעם דאָרטען, וואו ס'איז אייביג ליכטיג, און מ'ווייס נישט מעהר פון קיין טאָג און קיין נאַכט— פליהען די מלאכים, רוישען מיט זייערע פליגעל, זיי כאַפּען-אויף די תפילות און שניידען מיט זיי אַדורך אַלע זיבען הימלען...

חברה שטעהט אַ ווײַלע פערגאַפט.

— אַרײַנגעהן אינווענייג ברויך מען שוין עפּיס האָבען אַ בעזונדערע חוצפּה!.. עפּיס, עפּיס פאַרט אַ גאָט'ס הויז... אַ מקום-קדוש... די קולות זענען צו-גרויס... דער רעש—צו-שטאַרק, און געה בעווײַז זיך אין אַ מקום-קדוש מיט אַזעלכע שכור'ע צורות!..

און זיי גיבען-זיך אַ לאָז צוריק איבער'ן שטעדטעל:

— קינדער, מ'געהט אַ געזונען-מאַרש!—קאָמאַנדעוועט בעריל שייגעץ.

אין דער גאַנצער עולם שטעלט-זיך-אויס אין איין ליניע, איינער הינטער'ן צווייטן, אין אַ גאַנצע לענג, אַ קייט; בעריל שטייען שטעלט-זיך פון אַ זייט, און פירט-אָן מיט אַלעמען; איינס—און די גאַנצע ליניע הויבט-אויף אַ פוס; צוויי—זי רוקט זיך-אָב אויף אַ טריט; איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי—און אַזוי נאָכ'ן טאַקט-נאָך ריהרט די לעבעדיגע קייט, שלענגעלט זיך אויף אַ משוגה'דיגען אופן איבער אַלע גאַסען פון שטאָדט... טרעפט מען אָן אַ סלופּ אין וועג—געהט-מען איהם אַרום, אַ הויז—ווערט עס אַרומגענומען, פּאָהרט אַ דראָזשקע מוז זי בלייבען שטעהן, און זי ווערט אַרומגענומען; איז וואו נאָך אָפען אַ טויער פון אַ הויז, וואָס ס'האָט אויך אַ צווייטען דורכגאַנג—ווערט עס נישט אויסגעמיידט; און מאַכט וואו אַ בעקער אויף די טהיר, האָט עס בעריל שוין אויפ'ן אויג, און די גאַנצע קייט ציהט שוין אַדורך דורך זיינע שטובען...

און אַזוי דרעהט זיך די חברה, דרעהט זיך, ווי זי וואָלט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לעבעדיגע שלאַנג, אין דער צייט ווען זי איז זאַט, און מאַכט פון זיך אַ בייגעל; זיי קומען אויך אַראָב צום באַהן, דאָרטען געהט-מען אַזוי אַרום דעם וואָקזאַל, בעזונדער דורך אַלע טהירען אַדורך, מ'מאַכט הקפות, און בעריל זאָגט-אָן ב'פסוק אויפ'ן קול:

— בני אָדם יושבי חשך וצלמות...

אויפ'ן גאַס און אומעטום וואו ס'געפינט זיך נור אַ מענש, פערדרוקט ער זיך אין אַ ווינקעל, ביז די חברה ציהט פאַרביי, און טראַכט זיך:

— עס וועט פיעל געזינטער זיין זיך נישט צו טרעפען מיט די לייט...

און אַז זיי זענען שוין אַזוי איבערגעגאַנגען שעה'ן לאַנג, אויסגעצעהלט אַלע טעלעגראַפען-סלופּעס און געסלעך, און דאָס

שפּיעל וואָרט זײַ נמאָס, קומט מען סוף-כּל-סוף צוריק צום בית-המדרש.

— תּהלים מוז מען דאָך זאָגען!...

דאָס בית-המדרש איז שוין פערשלאָסען. פון אינוועניג שוואַרצט-זיך-אַרויס אַ פינסטערניש און עס זעהט-אויס ווי פערלוירען אין דעם גאַנץ גרויסען הויף... אַ פינסטערע נאַכט, עס בעוועגט זיך אַפילו נישט קיין שאָטען אויפ׳ן אָבגעוויסטען פאַרקאַן, און די פאַנטאַזיע שלעפּט באַלד אַרויס מתים פאַר די אויגען, מתים, וועלכע זענען געקומען מתקן-זײַן אַ עבירה וואָס זיי האָבען בײַם לעבען נישט מתקן-געווען...

— וואָס וועט זײַן פון דעם שטעהן?—פרעגט בעריל, ווען ער זעהט: דער עולם שטעהט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנד, מיט אַ שווערקײַט אויף די הערצער.

דער עולם ריהרט-זיך נישט פון די ערטער; דער פּלאָנטער פון די מתים טרעט-אַרויס בולט אין יעדענס געדאַנקען, ווי זיי שטעהען אויפ׳ן בעלעמער, און ווער וועט זײַן צום יעניגען, וואָס וועט דערהערען זײַן נאָמען, ווי מען רופט איהם אויף צו דער תּורה: „יעמוד ר׳ אַברהם בן זאב״... ווער דעם יעניגען, וואָס וועט בעקומען פון זיי אַן׳עליה, און אויסהערען די פינסטערע תּוכחה, וואָס מ׳וועט פאַר איהם פאָרלייענען... אָ, דער וועט שוין בעשטימט דאָס יאָהר קיין גוטען סוף נישט האָבען!...

בעריל קלאַפּט אונטערדעסען אָן אין דער מחיצה פון בית-המדרש. שטיל. קיינער ענטפערט נישט.

דער עולם ציטערט פאַר שרעק, און ס׳וואַרפט זיי פון קדחת:

— אָט, מאַכֶען זיך שוין אויף די פֶענסטער, און מ׳הייסט אַריינגעהן; און דענסטמאָל וועט שוין קיין ברירה אויך נישט זיין, און צוריק וועט מען אויך נישט קאָנען געהן...

בעריל געהט-אַרונטער אָנקלאַפּען ביים שמש, נור דאָ פאַלט איהם שיער נישט אַרויס דאָס האַרץ פאַר שרעק, ווען ער דער-זעהט די עגלה, (אין אַ קליין שטעדטעל, וואו ס׳איז נישטאָ קיין פאַרקאַן אַרום׳ן בית-עולם, און זאָגאַר וואו ס׳איז יאָ פאַראַן— שטעהט אַלץ די עגלה אויפ׳ן בית-המדרש-הויף), וועלכע האָט שוין אַוועקגעפיהרט אַזוי פיעל מענשען הינטער׳ן שטאָדט-אַרויס, בעקאַנטע מענשען און אונבעקאַנטע... און אין דער ערשטער רגע דוכט-זיך איהם אויס: ווי דאָס טהירעל פון דער עגלה מאַכט-זיך-אויף, און עס הויבען מיט-אַמאָל אָן אַרויסצושפּרינגען פון קאַס-טען די אַלע מענשען, איינער נאָכ׳ן אַנדערען, שטעלען-זיך-אויס אין אַזאַ לאַנגע, לאַנגע רייה, דאָס זיין אויג דערכאַפּט נישט דעם סוף פון דער לענג, און איינער, גאָר אַ בעקאַנטער, אויך וואָס איז ערשט דאָ נישט-לאַנג געשטאָרבען, זאָגט צו איהם מיט אַ דראָבנע שמייכעלע:

— אַנו, בערעלע, פיהר מיט אונז אויך אָן אַזוי!..

נאָך אַ ווײַלע קומט ער צו-זיך, בעריל שווייגט, דער שרעק געהט-אָב, ווײַבאַלד ער דערזעהט נור דורך אַ שפּאַלט פון לאָ-דען, ווי אינווענייג ביים שמש לייכט זיך, און ער אַליין, דער שמש, ליעגט זיך רוהיג, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און שלאָפט, נעהמט ער נאָכדעם קלאַפּען צו איהם אין לאָדען-אַרײַן, וועקען שטיל, מיט הכנעה:

— ר׳ קלמן!.. ר׳ קלמן!.. מאַכט-אויף פאַר אונז דעם בית-המדרש...

אין אַ ווײַלע אַרום:

— ר׳ קלמן, וואָס, זעגען מיר קיין יודען נישט?.. אונז קומט דער בית-המדרש נישט?.. מיר ווילען אויך עפּיס אָבגעבען

פֿאַר'ן רבונו של עולם... געהט-אַראָב און מאַכט-אויף דעם בית-המדרש...

ס'איז שטיל. קיינער ענטפֿערט נישט. און דאָ פֿאַלט ער פלוצלונג אויף אַ המצאה, פון וועלכער עס טהוט איהם שטאַרק הנאה: ער נעהמט-אַפּער די עגלה פֿון איהר אָרט. אַליין שטעלט ער זיך אַרונטער פֿון הינטען, און שטופּט זי אַזוי אַרויס פון פֿאָרענט, צום הויף-צו, וואו די חברה שטעהט; און ווי די חברה דערזעהט: די עגלה קומט אַליין אַפּער צו שפּאַצירען—רייסט-זיך ביי זיי אַרויס אַ געשריי פון שרעק און פערצווייפלונג, און בלייבען אַלע שטעהן פערגליווערט מיט פערצאַפּעלטע הערצער, די האָר אויפגעשטעלט ווי די שפּיזלעך...

קריכט בעריל אַפּער און קייכט פאַר געלעכטער:

— אַי, חברה, ר'זענט דאָך גאָר ערגער פאַר די ווייבער...

— גאָר נישט קיין געלעכטער.—הערט-זיך פון ערגעץ אַ מיעדע שטימע,—די דמים קאָנען איינפֿאַלען...

— און פֿערקיהלט ווערען אין די אָדערן—ברומט דער לאַנגער שמואל.

— ווייסט איהר וואָס?—זאָגט בעריל שייגעץ—זאָל מען מאַכען אַ לויה... איך וועל צוועקפּיהרען די עגלה איבער'ן שטאָדט, און איהר אַלע וועט נאָכגעהן, מאַכען קולות... און ברוך'ל... וואו איז ערגעץ ברוך'ל?.. דו וועסט שרייען: „צדקה תציל ממות!"...

אָבער קיינער ריהרט זיך נישט פֿון אָרט. איטליכער שווייגט. און דער לאַנגער זאָגט:

— ניין... מיט אַזעלכע זאַכען חוזק'ט מען נישט... היינט קאָן עס זיין אַ געלעכטער, און מאָרגען — אַ רעכט-נ'אמת... יודען זאָגען מיר—מוזען מיר נעהמען אַמאָל אַ יודיש וואָרט אין מויל אַריין אויך...

און ער, שמואל, געהט אַליין אַרונטער צום שמש, שטעלט איהם אויף די פיס, יענער בייזערט זיך לכתחילה, נאָר באַלד ווערט ער צוריק גוט, נור צו אַ געשוויר צוצולעגען, וואָרום דער

לאַנגער האָט איהם שוין אַריינגערוקט עפּיס אַ מטבע: אויך אַ גליק—אַנ׳אַנדערס מאָל וואָלט ער געלייזט אַ שטורך אין זייט, און אַצינד האָט אין איהם גובר געווען דאָס געפיהל פון יראה און פחד.

— נ׳וואָס?.. יודען זענען מיר דאָך!..

און באַלד איז געוואָרען ליכטיג אינ׳ם גרויסען בית-המדרש, דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר-אַריינגעטהון אינוועניג, און ציטער-דיג פאַר קעלט פון דער אָסיענדיגער נאַכט איז מען דאָ, אין דער וואַרימקייט, געוואָרען עטוואָס הייטערער, מונטערער...

בעריל נעהמט זיך שפּילען מיט זיינס גלייכען אין „אַכטבראָש" און דערלאַנגט אַזעלכע פּעטש אין די הענד אַריין, דאָס זיי הילכען-אָב אין דער טיפענישׁ פון דער פינסטערער נאַכט, און ס׳דוכט זיך: ווי נאָך איטליכען פּראַסק בעזונדער, גיט זיך צוש די עגלה אַ ריהר אין דרויסען הינטער׳ן פענסטער, און טהוט ראַפּטום אַ פאָהר הין-און-צוריק...

— ניין... בעריל...—שטעהט-צו צו איהם דער לאַנגער—אַצינד ביסטו אין אַ בית-המדרש, און אויף דעם איז פאַראַן אַנ׳אָרט און אַ זמן ביי לייזער׳ן אין שיינק; אַ יוד ביסטו—טאָ דאַרפסטו זיין דו.. ווי אַ יוד, ווי דו ברויכסט צו זיין...

חברה שטעלט-אויף די אויערן, און הערט-זיך-צו, ווי מאָדנע דער לאַנגער רעדט:

— עברי, בעריל, האָט מען דיך געלערנט, נעהם-זשע אַ סדור׳ל אין האַנד, און זאָג גלייך מיט—מיט אַלעמען...

און דער גאַנצער עולם האָרכט איהם; זיי זעצען זיך אַרום די טישען, און דער לאַנגער, וואָס קען יאָ אַ שטיקעל עברי, הויבט-אָן מיט אַ נגון:

— אַשרי האיש, אשר לא הלך בעצת רשעים...

און דער גאַנצער עולם כאַפּט-אונטער.

אין פּאָליש שטעהט נאָך האַלב-נאַקעט דער שמש, קראַצט

זיך אין קאָפּ, ציטערט פאַר קעלט, און ... בייזע וואונדער עסט איהם גאָר אויף:

— נו? איז עפּיס צו וויסען?... אַ יודישע קישקע איז נישט צו שאַצען—איז זיך געווען אויף עפּיס-וואָס אַזעלכעס צו ריכטען?... אין אַן עת-צרה קומט עס דאָך אַהיים צום טאַטען...

נור לאַנג האָט שוין די חברה קיין תהלים נישט געזאָגט; אין דרויסען אויפ׳ן הימעל הויבט-שוין אָן צו גראָהען, די שוואַרצקייט רינט-אויס, און די ליכטיגקייט פון די לאָמפּען ווערט מיט יעדע רגע בלאַסער; די עגלה נעהמט-זיך אויסשיילען פון דער פינסטערניש און בלייבט שטעהן שוואַרץ און שרעקענדיג; און פונקט ווי מ׳וואָלט פון איהר אַרויסגערוקט די מיטה, און אַ גרויסער ריזיגער בר-מנין וואָלט זיך אויפגעזעצט, אויסגעשפּרייט זיינע תכריכים און איינגעהילט די גאַנצע וועלט,—אַזוי קומט-אָן דער ווייסער טאָג...

דער עולם האָט אייניציגווייז אַראָבגעלאָזען די קעפּ איבער די טישען, און איינגעשלאָפען מיעד, ווי דערהרג׳עט...

„נאַ איִספּיִטאַניאַ"

ס׳געהען טעג ווי געשמירט. קליינע, פינסטערע טעג, פער׳חושכ׳טע, וועלכע ליעגען-זיך מיט אַ בעזונדערען אומעט אויף די קלײנע אײַנגעבויגטע הײַזלעך פון שטעדטעל. די זון איז כמעט אינגאַנצען ווי אַוועקגעקומען, זעלטען זי בעוויײַזט זיך נאָך ווען אויף אַ רגע; נאָר וואָס פאַר אַ טעם, מ׳שטײַנס-געזאָגט, קאָן שוין האָבען אַזאַ ווײַזען-זיך!.. פון פריהמאָרגען-אָן רעגענט, נישט אַזוי ווײַט דער רעגען, ווי—ס׳קאַפּעט, די הימלען טריפּען, פײַכט, און אין די געסלעך איז בלאָטיג, שטעל אַ פוס—געזעגען זיך מיט׳ן לעבען! אַלץ זינקט אין דער בלאָטיגער פײַכטקײַט, ווערט פערפאַלען צוזאַמען מיט די טעג, וואָס ווערען קלענער, ציהען-זיך-אײַן און ווערען אײַנגעשרומפּען ווי די זשאַבעס; פאַר-דאָס ווערען לענגער די נעכט, אויף יענעמ׳ס חשבון, פערשטעהט זיך—ציהען זיי זיך אויס ווי די שלאַנגען, ווערען גרויס און גרעסער, אַזוי, ס׳קומט פאַרנאַכט, נישט עס טונקעלט—טונקעל איז אַ גאַנצען טאָג, דוכט-זיך: ס׳ווערט נאַכט אויף אײביג, און אַז ס׳וועט שוין קײנמאָל נישט ליכטיגער ווערען...

ס׳האָט זיך געצויגען דאָס אָבנעהמען פון די רעקרוטען. פון אָנהויב, מיט׳ן ערשטען טאָג-אָן, אַזוי ווי די ליניע יונגען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָהן מלבושים, און געהט אַלץ אַרײַן אין „אָבנעהמונגס״-שטוב—אַזוי האָט זי זיך נאָך נישט אויסגעלאָזען; טעג מײַדען,—די ליניע ציהט-זיך. דוכט-זיך: די אײגענע נאַקעטע יונגען נאָך וואָס אין׳ם ערשטען טאָג, אָבער יענע זענען אין

גרונד שוין לאַנג נישטאָ. פֿונ'ם ערשטען נומער האָט זיך שוין
אַראָפּגעוויקעלט אַ היבש ביסעל נומערן. טעג ציהען, און די לי־
ניע מיט יונגען ציהט־זיך נאָך — זי איז נאָך נישט פֿערענדיגט...
יעדען פֿריהמאָרגען, פֿון ניין אַזייגער, שטעהט שוין די ליניע, בע־
וועגט זיך מעכאַניש, ווי אָנגעשרויפט, ווי אַ לעבעדיגער פּאַס אויף
אַ ראָד, און דאָך פֿאַלען־אַראָב שטיקער פֿון דער קייט, איינצעלנע
רינגען—יונגען, רינגלען־זיך־אויס, אַנדערע פֿאַר־דאָס רינגלען־זיך
תיכף אַריין, און ליניע בלייבט ליניע, און אַלע טאָג: פֿון אַנדערע
מענשען, פֿון אַנדערע מענשען און פֿון אַנדער מאַטעריאַל...

דער קליינער ברוך'ל, דער לאַנגער שמואל, די קײַלער־
שקצים, די איינגענע דאָרפישע שקצים, אַלע אינאיינעם אויסגעמישט
און בעזונדער, וועלכע האָבען זיך פֿון צופֿריהער געריסען נעז,
געביסען שטיקער, געשיילט פנים'ער, אָבגעריסען אויערן, און האָ־
בען פֿון זיך דאָס געלאָזט אַזוי געהאָרכזאַם און אונטערטעניג
אויספלעכטען די זאָנדערבאַרע קייט—איז שוין בשלום כמעט אַדורכ־
געגאַנגען, זיך פֿאַרבייגעוויקעלט; און ווען מ'האָט צוגענומען,
ווען—אָבגעשיקט אין שפּיטאָל, ווען—מ'האָט אָבגעלאָזען אַהיים,
די רונג בלייבט אַלץ רונג, און דאָס איז דערפֿאַר, ווייל נישט
אַלע זענען שוין אַדורכגעגאַנגען, דאָס מאַטעריאַל האָט זיך נאָך
נישט אויסגעשעפּט; און דאָס ווענדט־זיך אויך אַ סך אין דעם, ווי־
ווער ס'האָט געשלעפּט אַ נומער, איינער—העכער, דער אַנדע־
רער—נידריגער, אַזוי האָט זיך יענער פֿריהער אויסגעפלאָכטען,
דער—שפּעטער, פּלאַנמעסיג...

בעריל שייגעץ האָט אַרויסגעצויגען אַ הויכען נומער, און
האָט נאָך צייט געהאַט צו טרייבען זיינע שטיק צו גאַנצע טעג
און נעכט ווי פֿון אָנפאַנג; אָבער אויך דאָ האָט געמוזט קומען
אַנ'עק, די טעג האָבען זיך געצויגען, די נעכט האָבען זיך לאַנג־
ווייליג געקורטשעט און געלענגערט, און די קייט, די זאָנדערבאַרע
רונג, וואָס איז בעשטאַנען פֿון יונגען, שקצים, יודען, פּאָליאַקען,
טאַטאַרען, ציגיינער, אַרמיאַנער, רוסען, דייטשען,—האָט זיך געווי־

קעלט מעסיג, נאַראַל, מיט אַ געניִיע פאָרם און זויסגעהאַלטענקייט, אָהן אַ ברען, מיט אַ בעזונדערע אויסגערעכענטקייט און אַ גראַדע דורכגענומענע טעמפּעראַטור, וועלכע האָט זיך אויך צײַטענווײַז געוואַקעלט אַהין און אַהער, געשטיגען און געפאַלען; און וואָס אַ טאָג, וואָס אַ טאָג, האָט ער, בעריל, אַלץ מעהר געשפּירט ווי ס׳ציהט איהם, ס׳ציהט איהם די קייט אַלץ נעהענטער צו זיך, און גוט געוואוסט: דאָס ס׳וועט אויך קומען דער טאָג, וואָס ער וועט זיך אײַנפלעכטען אין איהר; ווײַן אַפילו עס וואָלט איהם אַלע ווײַלע נישט געקומען אָנזאָגען עמיץ פון די גוטע ברידער: „ווי ס׳האַלט", האָט ער אויך אינסטינקטיוו געשפּירט ווי ער ווערט אַלץ נעהענטער צו איהר, דאָסזעלבע רינגעלע וואָס ווערט געצויגען צו איהר, און אַז ס׳וועט באַלד קומען אויך די מינוט ווען ער וועט שטעהן גלײַך מיט אַלע, אין דער ליניע אַ רונג—ווי איטליכער יונג, קוקען אין דער „אָבנעהמונגס"־שטוב, שווײַגענדיג, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, נאַקעט ווי די מוטער האָט איהם געהאַט; פּאַר איהם—אַ שײַגעץ, וועלכען ער איז אפשר נעכטען צי אייער־נעכטען אַלײַן אַרײַנגעפאָהרען מיט די ידים צווישען די אויגען; הינטער איהם—אַ קלײַנער שײַגעץ, מיט וועלכען מ׳האָט זיך צוזאַמען געקושט און געהאַלזט בײַ לײַזער׳ן אין שײַנקעל; דאָס אַלץ מאַכט דאָך נישט קיין צווישענשייד, קיין אונטערשייד, פאַר׳ן גרינעם טיש ערשײַנען אַלע גלײַך, און צו דער מינוט, נישטאָ קיין מורה־מורנו׳ס, ווי אויבען פאַר׳ן הימעל...

און אַזוי וויקעלט־זיך די קייט: פון פאָרענט קומט אײנער אָב, פון הינטען קומט אײנער צו, מיט דער מינוט ווערט אויך די ליניע פערפולט. אײן רינגעל רינגעלט זיך אַרויס, דאָס אַנדערע האָט זיך שוין אָנגעקניפּט; און אינווענינג, דאָרטען אין שטוב, דורך וועלכער ס׳קומט־אָב פון דער רינג—זיצען מענשען, שרײַבער, ס׳זיצען גרויסע קעפּ, אַ דאָקטאָר, וואָס זאָגט מבינות, און אַ שרײַבער, וואָס שרײַבט... און איטליכען יונג פון דער קייט

בעטאַפּט מען פֿון קליין ביז גרויס, מ׳קוקט איהם אדורך, און וועלכען מ׳לעגט אַוועק אויף אַ באַנק, מ׳הייסט איהם געהן הין-און-צוריק, וועלכען מ׳קוקט איהם אין מויל אַריין, מ׳צעהלט די ציין, און ווען איינער זאָגט: גוט... זאָגט דער אַנדערער: פֿערקעהרט... יאָ, צופֿריהער נאָך שטעלט מען איהם אַוועק הינ-טער אַ ברעטעל, מ׳מעסט איהם אין דער הויך, אין דער לענג און אין דער ברייט, אַלץ ווערט אַפּערגעזאָגט צום טיש, וואו ס׳וועוט אַלץ פֿערשריבען; און דער בעל-דבר גופֿא — איהם פֿרעגט מען קנאַפּ, מ׳האָרכט נור אויס די ארומיגע, און נאָכ-דעם הייסט מען איהם געהן — — — — — — — — —

— — — און ווער ס׳געהט צוריק אַרויס מיט אַ גדולה אין בויך, מיט אַ פֿרייד, און ווער — מיט אַ גרויסע בראָך, אָבל וחפוי-ראש, אָהן אַ קאָפּ!..

לאַנג האָט זיך געצויגען די נאַכט, וואָס אויף צומאָרגענס האָט בעריל שייגעץ זיך געברויכט שטעלען צום אָבנעהמען; לאַנג האָט זי זיך געצויגען, די נאַכט. צוזאַמען מיט אַנ׳אָסיענדיגען רעגען, וואָס האָט געטריפּט פֿון די הימלען, איז ער אַרומגעקראָ-כען, בעריל, פֿון איין שטוב אין דער אַנדערער, צווישען די טאַ-טעס פֿון די „ווייכע" מענשלעך, און ביי זיי געבעטעלט, ווי אַ גרויסער הונד, וואָס האָט נישט קיין שכל צו בייסען מיט די ציין, לעבט פֿון חנופֿה, און לעקט מיט דער צונג די הענד פֿון איטלי-כען גביר בעזונדער, ביי וועלכען ער שפּרט נור, דאָס אָנשטאָט אַ שטיין וועט מען איהם צו-וואַרפֿען אַ שטיק ברויט, בעט ער:

— מאָרגען איז זיין יום-הדין... און דעם פּסק-דין ווייס ער שוין אזוי גוט ווי אצינד... וואָרום, ס׳איז דאָך אַ פּראָסטע

זאַך: ווי מ׳לֵיגט אַריין—נעהמט מען אַרויס; ווי אַזוי מ׳בעט זיך—לֵיגט מען; און אויב ער האָט אַריינגעלֵיגט מכות—וועט ער אַרויסנעהמען בכורות; און איבּער־דעם זאָל מען אין איהם, הלילה, נישט פֿערגעסען... זאָל מען איהם געבּען... ווייל ער איז אַ גרויסער נצרך...

און די „ווייכע” מענשלעך האָבּען איהם געגעבּען, מיט וואָס נור איינער האָט געקאָנט האָט ער געגעבּען; וואָרום מיט אַ רעקרוט טאָר מען נישט אָנהויבּען, ווייל אַחוץ דעם, וואָס אַזעלכער קאָן צולעגען אַז ס׳זאָל איהם זיין שווער אַוועקצוטראָגען, גיט ער, דער רעקרוט, נאָך איבּער צוויי טעמים: ראשית, ווענדט זיך, אויב דער רעקרוט איז שוין אַ בּעפֿרייטער, גיט ער—ווייל ר׳האָט מורא פֿאַר אַ מסירה... והשנית, גיט ער: ווייל ער איז בּעפֿרייט געוואָרען און יענער בּרויך געהן דינען... און אַמאָל—נאָך אֶפֿשר פֿאַר איהם... זיין יענעמ׳ס כּפּרה... און וועלכער רעקרוט, פֿרעגט זיך, ווער ווערט דאָ פֿריי אויף גלאַט כּשר?... איז ער נאָך נישט געשטאַנען—על אַחת כּמה וכּמה, גיט אַזעלכער, מ׳זאָל איהם פֿראָסט לאָזען צורוה, ער זאָל בּשלום איבּערקומען...

נאָך האַלבּע נאַכט, ווען די לאָדענס מיט די טהירען בּיי יענע אַלע מענשלעך האָבּען זיך שוין געהאַט צוגעמאַכט פֿון אַ גוטע מינוט, האָט זיך בּעריל אַוועקגעשטעלט אין גאַס, מיט אַ ליידיגע קעשענע, מיט אַנ׳אויסגעגניכטערטען מאָגען און מיט אַ טרוקענעם האַלז,—נישט ער האָט שוין געהאַט וואו צו געהן, און נישט ער האָט שוין עפּיס געהאַט פֿון יענע, וואָס ר׳איז בּיי זיי געווען, ווייל די אַלע האָבּען איהם געגעבּען בּתנאי, אויף אַ צוזאָג:

— בּאם מ׳וועט איהם שוין האָבּען צוגענומען; בּאם ער וועט שוין זיין אַ זעלנער, זאָל ער חלילה, נישט אַוועקגעהן מיט׳ן ליידיגען...

און אַצינד איז ער געשטאַנען, אין דער פֿינסטערער נאַכט, איינגעטונקט אין בּלאָטע, דער רעגען האָט איבּער איהם געקאַ־

פּעט, און די גליעדער זײַנע האָבען געציטערט פֿאַר פֿײַכטקייט און קעלט; אַליין, זאָהן חברה, איז ער ווי עפּיס ביז געווען אויף זיך אַליין, און מיט פּערדרוס אַ שפּײַ געטהון אויף דעם גוטס-קייט פֿון די אַלע ווײַכע מענשלעך, מיט זייערע גוטע רײַדעלעך...

— טפו זאָלען זיי ווערען מיט זייער געבען... וואָס איהם איז דאָ צוגעקומען אויפ'ן לײַב, זאָל עס זיי צוקומען אויף דער נשמה... זיי וואָלטען איהם דאָס געגעבען אויפ'ן ערשטען טרונק בּראָנפֿען!..

און ער לאָזט זיך מיט זײַנע לאַנגע פּיס לעגען לעפּעל איבער די ברייטע און שמאָלע פּערבלאָטיגטע געסלעך פֿון שטעד-טעל, מאַכט אַזעלכע שפּרײַז, דאָס איבער איין רגע איז ער שוין בײַ לייזער'ן אין שיינקעל.

— נישטאָ געוועזען דער לאַנגער!.. נישטאָ געוועזען דער קליי-נער!..

שטיל איז בײַ לייזער'ן; ער אַליין זיצט און קיפּיעט הינ-טער'ן קאַסע-טיש, דער לאָמפּ איז גוט אַראָבגעדרעהט, קוים ס'כאַפּט אַ בלישצעל, אין די ווינקלען איז טונקעל, אין דער אַנ-דערער שטוב איז שטאָק-פינסטער. אויפ'ן טיש שטעהען טעלער מיט געברעטענע אָדערקעלעך, וואָס בעטען זיך נור: מ'זאָל איבער זיי אַ ברכה מאַכען... ס'האַרץ איז איהם אפילו אויף גוט אַוועק, עפּיס אַזוי קאַלעמוטנע, ס'צופּט, דאָך גלוסט זיך נישט נעהמען צום מויל... אַזוי שפּעט... און דאָ איז קיינער נישטאָ!..

און ער געהט צוריק אַרויס, פּערלעגט די הענד, און שטעהט אַזוי אַ ווײַלע און טראַכט:

— וואו זיי האָבען דאָס געקענט אַהינקומען די חברה זײַנע?..

און לאָזט זיך גלײַך מיט דעם אייגענעם טריט צום בית-המדרש:

— אויב זיי זאָלען דאָרטען אויך נישט זיין—איז שוין עק וועלט!.. האָט ער זיי שוין נישט וואו צו זוכען מעהר..

קומט ער אָן צום בית־המדרש—אינוועניג איז פינסטער; ער שטויסט־זיך־אָן אין דער עגלה, וועלכע מ׳האָט, קענטיג, אָבגעשטעלט דאָ נאָך אַ פֿערשפּעטיגטער לויה, צי דער פורמאַן האָט זיך גאָר שטאַרק געאײַלט,—שטעהט זי אַזוי ווי אַ הפקר־זאַך אין מיטען הויף, ווי אַ כטראַשידלע—און די נשמה איז איהם שיער נישט אויסגעגאַנגען, ווען זײַן נאָז האָט זיך אָנגעשלאָגען אין איהר; נור באַלד האָט ער זיך גענומען שעלטען, זײַענדיג, אַפּנים, שטאַרק אין כעס, זיך זידלען צוזאַמען מיט אַלע גוטע ברידער אינאײַנעם:

— אַז, זיי זאָלען דאָרטען צובּרעכען הענד און פיס, וואו זיי זענען, אויב זיי ווילען איהם אויף צו להכעיס צורעכט־מאַכען אַזאַ נאַכט: ער זאָל זיך ברויכען אַרומדרעהען הינטער די ווענד, אײנער־אַליין, און נאָך־וואָס פאַר אַ נאַכט—זײַן נאַכט, ווען מאָרגען־פריה ברויך ער שטעהן!.. און אַזוי אַדורכלאָזען די גוטע מינוט, די אײנציגע געלעגענהײַט, וואָס ער וואַרט אויף איהר גאַנצע אײן־און־צוואַנציג יאָהר,—מיט אַ טרוקענעם האַלז, אַפילו דעם גאָרגעל נישט בענעצען, הייסט ריכטיג: אַ גאַנץ יאָהר זײַן שכור און פּורים ניכטער!..

און ער געהט צוריק אויך פון דאָרטען, געהט גיך, שפּרײַזט. און וואו אַ לאָדען, דערלאַנגט ער, מעשה עשו—אַ בריקע מיט דער פויסט, אַזש די שויבען קלינגען... ער שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע אַרויס, דאָס היטעל איבער די אויגען אַראָבגעצויגען—ווי אַ נאַכט־גנב, און—ער געהט... געהט עפּיס ווי פערטהון מיט זיך, פערקריכט זיך אין הוריות, און מיט־אַמאָל: ווי עס דערלאַנגט איהם עמיץ אַ בריקע מיט אַ האַנד איבער׳ן פּלײצע, אַ האַנד—אַ לאַפּע, און אַ געלעכטער הילכט־אָב נעבען איהם אין דער פינסטער:

— אַ כאַליערע!.. מ׳האָט דאָך געמײנט: די הינד האָבען דיך ערגעץ פערשלעפּט!..

ער קוקט זיך אום און זעהט: דעם לאַנגען שמואל... אַרום

איהם שטעהט—ריכטיגער: האַלט־זיך ערשט אין אָבשטעלען די גאַנצע חברה־יונגען, וואָס שלעפען זיך אין דער בלאָטע, ליאָזען־אַראָב פּיס און ציהען־אַרויס. און וועלכע אויך ס'האַלטען די פּאָלעס אין די הענד— אויב אין לאַנגע קאַפּאָטעס, פערשטעהט זיך—דאָס זיי זאָלען זיך נישט פערשמירען; און ס'האָט אויסגעזעהן: ווי דער עולם וואָלט עפּיס צוריקגעקעהרט פון אַ פערשפּעטיגטע לויה, וועלכע האָט זיי אויפגעהאַלטען ביז אַזוי שפּעט אין דער נאַכט־אַריין, און פון וועלכע ער אַליין, בעריל, האָט זיך פערלוירען אויף אַ לענגערע צייט, צוליעב דעם וואָס ר'האָט געהאַט אָבצושטעלען די עגלה אויף אַ בעשטימטען אָרט, און אַצינד זיך ערשט צוזאַמענגעקומען מיט'ן עולם.

בעריל האַלט'ס נישט אויס:

— וואו ליעגט איהר ערגעץ אין דער ערד?... אַזאַ נאַכט ווילט איהר מיר צורעכט־מאַכען פאַר'ן לעגען־פיהרען?... שענע פלי־זמרים האָב איך מיר דאָס איינגעהאַנדעלט...

דער לאַנגער לאָזט איהם נישט אויסרעדען:

— שווייג—נור רעד נישט; דו רעד נישט... מיר האָבען דיך שוין אַרומגעשיקט זוכען וואו די וועלט האָט אַנ'עק... דער קליינער ברוך'ל איז נאָך נישטאָ איבער דיר!.. שען נחת האָבען מיר דערלעבט... אַ... אַ יונג הויבט־זיך־אויף און געהט איבער די הינטער בעטען... שען נחת, יאָ... נישטאָ וואָס צו רעדען...

בערלען האָט דאָס גוט פערקרענקט; אָבער ער האָט זיך נישט פערגלוסט צורעכט צו מאַכען קיין חתונה מיט זיי, פאַר'ן שטאָך, און ער פרעגט:

— הייסט?.. איהר זענט דאָך פאָרט געלעגען אין דער ערד?... דער קליינער ברוך'ל זוכט מיך,—און איך בין שוין געוועזען ביי לייזער'ן, אין בית־המדרש... וואו די וועלט האָט נור אַנ'עק...

— זאָגט איהם, זאָגט איהם שוין, וואו מ'איז געוועזען,—

רופט עֶמיץ פון דעָר חברה—נעֶהמט׳ס איהם נישט אַרויס די נשמה!.. זאָגט׳ס איהם: ביי דעָר בלינדעָר צעֶלקעָ...

און מעֶהרעֶרעֶ שטימעֶן:

— זאָגט׳ס איהם...

— זאָגט׳ס איהם...

— אַהאַ! אויסגעֶזוכט זיך אַ מקום!.. אַ וועֶה־בראָך אין אייעֶרעֶ לייבעֶר... און ביי אַזאַ לעֶז פּעֶרזעֶהט מעֶן עֶס אין אַ גוטעֶן ברודעֶר?..

חברה ריהרט נאָכדעֶם פון דעָר בלאָטעֶ, מ׳שלעֶפּט זיך ווי די ציגיינעֶר, ביז מ׳שלעֶפּט זיך עֶנדליך אַרויס און מ׳קומט־אָן צו לייזעֶר׳ן, וואָס האָט דאָס שיינקעֶל.

שטיל איז ביי לייזער׳ן. די שיינק איז פערמאַכט. די טהירעך זענען צוגעלייגט אויף דער קייטעל. אינוועניג איז פינסטער. פון אַרום איז פינסטעֶר, כאָטש—טאַפּ אַ וואַנד!.. עֶמיץ קלאַפּט־אָן—מ׳עֶנטפעֶרט נישט... פון אויבעֶן קאַפּעֶט אָהן אויפהעֶר, און דעֶר פוס הינטעֶן—איז נישט זיכעֶר... ס׳דוכט־זיך: ווי עֶר זינקט... קריכט אַלץ טיעפּעֶר אַריין אין דעֶר בלאָטעֶ... אין דעֶר עֶרד... און אַ מחשבה לויפט־אַדורך: מ׳וועֶט אַזוי שטעֶהעֶנדיג דאָ אַריינקריכעֶן צועֶרשט ביז איבעֶר די קניע, נאָכדעֶם — ביז׳ן גאַרטעֶל, ביז שפּעֶט פאַרטאָג׳ס־צו—ביז איבעֶר די אויעֶרן; אַז ס׳וועֶט שוין אינגאַנצעֶן האָבעֶן טאָג־געֶוואָרעֶן—וועֶט מעֶן האָבעֶן פעֶרגאַנגעֶן אין בלאָטעֶ, און ס׳וועֶט שוין פון אויבעֶן גאָרנישט בלייבעֶן מעֶהר ווי שיטעֶרעֶ בלאָטעֶ, די אייגעֶנעֶ, וואָס נעֶכטעֶן און אייעֶרנעֶכטעֶן, און קיינעֶר וועֶט נישט,—וועֶן, זאָגאַר, שפּעֶטעֶר שוין, ווען ס׳וועֶט כאַ־

פֿען אַ פּרעסטעל זוין איהר אײַנפּריזהרען, פֿערהאַרטעווען—נאָכקלעהרען: אַז ס'וועגען געבליבען מענשען הינטער איהר...

אַ מאוס'ע געשיכטע...

— וואָס וועט דאָ זײַן פֿון שטעהן?..—פֿרעגט עמיק, און ס'הערט זיך: ווי דער קלאַפּט שוין מיט די צײַן פֿון קעלט און נעציגקײַט,—אויפֿהאַקען די טהירלעך און—אַנ'עק זאָל'ס נעהמען!...

— אַודאַי אויפֿרײַסען די טהירלעך!.. לאָזען זיך בעטען?.. דער שלים-מזל ליעגט דאָרטען און שלאָפֿט זיך, אַ מכּה אויף זײַנע יאָהרען—ער וועט נישט בעצײַטענס זײַן צו שלאָפֿען, ווען קײנער פֿון די חברה וועט שוין נישט האָבען פֿערבליבען אין שטאָדט?..

און חברה נעהמט פּויקען צו איהם אין טהיר. נור — פּויק היינט, פּויק מאָרגען, די טהירלעך עפֿענען זיך נישט; נישט אַנדערש, ווי לײזער איז אײַנגעשלאָפֿען אין אַנ'אײביגען שלאָף... מ'צימבעלט איהם אין די טהירלעך... מ'צימבעלט איהם אין די פֿענסטערה אַרײַן...

— אַ רוח אין זײַן גע'פּגר'טען פּגר אַרײַן, ער זאָל שוין מעהר נישט דערלעבען אַרויסצוקריכען פֿון בעט; אַז דאָס האָט נישט קײן יודיש אָדער אין זיך, ס'זאָל בערעכענען: מ'שטעהט אויף אַזאַ פֿאַסקודנע וועטער!.. לאָזען שעה'ן לאַנג קלאַפּען און דאָס ליעגט זיך אין בעט, אין קישענס אײַנגעדעקט גאָר ווי אַ קראַנקע, קרענקען זאָל ער! אַ העזה, אײגענע מענשען!.. אַ רוח אין זײַן גע'פּגר'טען טאַטען אַרײַן...

און אַלץ קלאַפּט... אַלץ צימבעלט... פֿינסטער איז אַרום, דאָס גאַנצע געסעל ליעגט ווי אין אַ הינער-פּלעט; מ'הערט נישט פֿון ערגעץ קײן שאָרך, קײן גערויש, ס'דערגעהט נור דאָס קלאַפּען פֿון רעגען, ס'קאַפּען ווי אַ דראָבנע סמאָקען מיט די ליפּען פֿון שלימאַקעס, זשאַבעס און פֿיש...

אַז בעריל קומט אין כּעס אַרײַן, פֿערמעסט זיך צו די טהירלעך מיט'ן גאַנצען כּח, פֿערלײגט די עלענבויגענס, אונטער-

שפּאַרענדיג אַ פּאָר צעהנדליג אַקסלען פון יונגען,—מאַכט ער שטיל, אויפ׳ן קינדערשען אופן נאָך:

— טהירעלע, טהירעלע, מאַך־זיך־אויף!..

און—טר־אַ־אַ־ך! די טהירלעך שפּרינגען ביידע אַוועק. די בעשלעגען האָבען נאָכגעלאָזט, זיי האָבען נישט אויסגעהאַלטען דעם דראַנג פון די יונגען, און אַצינד שטעהען זיי ביידע אויפגע־פּראַלט, גראָד ווי צוויי טהירלעך פון אַנ׳עגלה, פון וועלכער מ׳האָט נור־וואָס אַרויסגערוקט די מטה,—און ס׳קוקט פון דאָרטען אַרויס אַ פינסטער לאָך ווי פון אַ קעלער אַרויס... און פון גרויס איבער־ראַשונג, ווי דאָס וואָלט געקומען פאַר זיי אומגעריכט, ווי זיי וואָלטען זיך לכתחילה גאָר נישט פאָרגעזעהן: ס׳קאָן אַרויסקומען אַזאַ זאַך—שטעהען זיי צוריקגעהאַלטען און דערשראָקען, אָבער נור פאַר איין רגע, און זיי פּאַקען זיך אַריין אינוועניג, און דאָס שיינקעל ווערט מיט זיי פול...

צו גלייכער צייט, ווי דער קראַך איז פאָרגעקומען, און אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָט אָבגעהילכט אין דער טיעפקייט ווי אַ ביקס וואָלט אויסגעשאָסען, האָט זיך גלייך בעוויזען אין פענסטער, וואָס ביי לייזער׳ן אין שטוב, עפּיס אַ שיינדעל פון אַ ליכטיגקייט, גראָד אַזוי ווי ס׳וואָלט עמיץ דאָרטען אין דער מינוט אַ שוועבעלע אָנגעצונדען; און באַלד אויף דעם, בעוויזט זיך לייזער אין די נאַכט־מלבושים, מיט אַ צוקנייטשט פּרצוף; נור אַפּנים ער האָט שוין פון פריהער נאָך געמוזט אויפזיין, ווייל ס׳האָט איהם נישט געגלוסט זיך צו חבר׳ן מיט דער באַנדע נאָך האַלבער נאַכט, און געמיינט: ס׳וועט איהם אָבגעהן... די חברה וועט זיך אָבטראָגען... שטעהט ער אַצינד אין אַ פערלעגענהייט, מיט אַ ליכט אין האַנד, בעטראַכט נור אַזוי גוט די בעלי־בתים פון זיין שיינקעל, און וואונדערט זיך:

— האַ?.. אויף דעם האָט ער זיך באמנות נישט געריכט!..

דאָס זיינע מענשען זאָלען איהם קומען נאָך דער האַלבער נאַכט אויפרייסען די טהירלעך פון דער שיינק—איז דאָך שוין אויס וועלט!..

שפּרינגט בּערעלע אַרויס, און מאַכט איהם נאָך זויפּ׳ן אייגענעם קול, מיט דער אייגענער תנועה:

— האַ?.. אויף דעם האָט ער זיך בנאמנות נישט געריכט!.. אַז זייערס אַ מענש, וואָס זיי האָבּען אויפגעהויבען ממש פון דער ערד, ווי מ׳הויבט־אויף אַ שפּענדעל, זאָל זיי לאָזען שטעהן אַ שעה־צייט און קלאַפּען, און זיך נישט מאַכען הערען, נאָך דער האַלבּער נאַכט—איז דאָך שוין אויס וועלט!..

שטעהט חברה אָנגע׳ברוגז׳ט, שטעהט לייזער אָנגע׳ברוגז׳ט, אָנגעכמורעט, צוויי ברוגז׳ע מחותנים, ביידע זענען נישט צופרידען; און חברה זעצט זיך אַזוי אונצופרידען אַוועק צום טיש, לייזער דערלאַנגט אונצופרידען די גענזלעך, דאָס ביער, חברה פרעסט מיט אונצופרידענהייט אויף די גענזלעך, פערשלינגט דאָס ביער, לאָזט־אַראָב אַלץ, וואָס ס׳שטעהט אויפ׳ן בופעט, מיט אונצופרידענ־קייט... אַזוי הין־און־צוריק, חתן־כלה־ברוגז, פונ׳ם דערלאַנגען ביז׳ן עסען ווארפט מען זיך צפער איינס ס׳אַנדערע, ווי אַ פּאָר־פּאָלק אין ברוגז׳ן:

— פּע, לייזער... אַ גאַנצע צייט געווען געטריי; ווען ס׳איז נישט געווען, ביים ערשטען קלאַפּ, פאַר חצות, נאָך חצות, קעגען טאָג, געעפנט פון אונז ס׳געלד, געשאַרט מיט ביידע הענד, ווי כשר׳ע בהמה׳לעך אונז געמאָלקען, און אַצינד אַ ביסעל אויף זיך אַ הויט געגומען, נתעשר געוואָרען,—שוין!.. וויל מען שוין מעהר נישט קוקען אויף אונז, אויס שדוך—צוריק מויד... איז דאָס גלייך אַזוי?..

און לייזער:

— פּע, חברה... פאַר גאַנצע צייט זיך אַזוי לייטיש געפיהרט, זיך געהאַלטען סטאַטעטשנע, נישט געסקאַנדאַלעוועט, און אין מיטען־דרינען אַ זאַוואָד—איהם אויפברעכען די טהירלעך פון דער שיינק נאָך האַלבּע־נאַכט!..

שפּרינגט שוין בּערעלע אַרויס פון די כלים:

— וואָס, דו ביסט שוין קראַנק געווען צו־צוואַרטען, ביז דו וועסט האָבּען די חברה פון דער לינקער זייט?.. אַוועקגעשיקט צו

אַלדי רוחות, און נאָכדעם זיך לעגען שלאָפען, און אַפילו שוין מעהר נישט אויפשטעהן!.. מיינסט: ס׳וואָלט עמיצען אַודאַי געאַרט?.. פּגירה איינע?..

נו... אָבגעקריעגט זיך, אָבגעגעסען—יעקב משלם; איז דער טייטש: נעהם אַרויס נ׳בייטעל און—צעהל!.. און דאָ הויבט-זיך-אָן די ריכטיגע חתונה... ווער מיר בעצאָהלען!.. וואָס מיר בעצאָהלען!. האָבען זיי שוין אָנגעהויבען מיט בייזען—זאָל עס שוין אַזוי אַוועק מיט דעם וועג... וואָס פרעגען זיי דען אייגענטליך נאָך איהם!.. און טאַקי אַזוי!.. דער אייגענער נישט-אָרענטליכער מענש, וואָס מ׳בלייבט בלויז ביי די טהירלעך אויפברעכען—קאָן מען דאָך שוין זיין צוזאַמען: ווען מ׳וועט נישט בעצאָהלען אויך!.. אַודאַי: דער אייגענער גנב אין מען ביי אַ נאָדעל, ווי מ׳לאָזט אַראָב אַ גאַנצען טויזענדער!.. און חברה לאָזט אַראָב די קעפּ, מיעד... דער׳הרג׳עט... נישט נור מ׳הערט נישט פון קיין בעצאָהלען, נאָר מ׳ריהרט זיך באַלד נישט פון אָרט!.. ס׳האָט גאָר קיינער נישט אין זין: אַוועקצוגעהן... און מ׳שלאָפט, צי מ׳מאַכט זיך שלאָפען, דער טייוועל וויים זיי, נור איין זאַך איז יאָ קענטיג: לייזער שטעהט איינגעטונקט אין בלוט... ער ציטערט שוין אָרענטליך פאַר קעלט און קלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן...

— גוואַלד, וואָס ווילען זיי דאָ היינט האָבען פון איהם?.. זיך פערלעגט אויף זיינע יאָהרען? אָבגעגעסען איהם ביז׳ן ביין, און לא-די וואָס מ׳גיט איהם נישט קיין גראָשען,—צולעגט מען זיך נאָך ווי די כּראַבריעס איבער די טישען און בענק, און אַצינד קומט איהם נישט-אַנדערש אויס, ווי צו שטעהן מיט זיי אַזוי אַ גאַנצע נאַכט און זיי היטען—אַ קלאָג דאָס איז!.. זיין זייער שומר: ס׳זאָל נישט געשעהן דאָ קיין גנבה! ס׳זאָל אַזוי אַרויכריגען אַ יונג, איז ער גוט בעקליידט... פון וואַנעט וועט ער נעהמען דערנאָך אַנ׳אַנדערען יונג אָבצוגעבען נ׳קייזער?..

און ער בעט זיך רחמים:

—געהט׳ס אַהיים... געהט׳ס אין גאָט׳ס ד׳ערד אַריין... וואָס

ווילט איהר נאָך?.. אָנגעפּרעסען זיך... אָנגעזויפּען... פעהלט מיר נישט מעהר, ווי דער וואַכמיש זאָל אַדורכגעהן און דאָס זעהן: מאַכט ער מיר מאָרגען צו ביידע טהירלעך—איז אויס לייזער, אויס שיינק!..

חברה האָרכט איהם ווי נ׳גראָהען קאָטער... מ׳שנאָרכט מיט די נעז... מ׳מאַכט זיך שנאָרכען... און ווען לייזער זעהט: ס׳וועט דאָ נישט זיין פּאָרטצוקומען מיט זיי, געהט ער אַריין נאָכ׳ן ווייב, וועלכע איז זיך מטריח גלייך פון בעט־אַרויס אַהער־צו, הויבט־אָן צו וויינען ווי אַ ביהן, גיסען טייכען פון די אויגען...

— זיי זאָלען זי נישט אומגליקליך מאַכען... צינעהמען ס׳לעצטע שטיקעל ברויט איהרס... און וואָס גיכער אַוועקגעהן... ס׳הייסט: אָבטראָגען זיך מיט די ביינער... זי איז זיי שוין אויך מוחל ס׳עסען מיט׳ן ביער, נור—זיי זאָלען אַוועקגעהן!... נעהמען נ׳וועג!...

שטעהט דענסטמאָל אויף בעריל, שטעלט־זיך אַוועק אין אַ לעכערליכע פּאָזע, ווי אַ שכור, און מיט אַ שנאָפּעלדיגע נאָז, סטראַשענדיג דערביי מיט אַ פינגער—פרעגט ער:

— זאָג: דו וועסט נאָך לאָזען שטעהן און קלאַפּען צו דיר אין לאָדען־אַריין, און זיך נישט אָברופען?..

און ווען ער שווערט זיך, לייזער, מיט כל השבועות שבעולם: נישט... געהט ערשט חברה אַרויס. פאַר׳ן עסען העלפען זיי איהם צושפאַרען צוריק די טהירלעך... און ווען ס׳געהט פאַר־ביי אַ רעכטע ווייַלע, ס׳איז שוין צוריק פינסטער אויך, שטעהט מען נאָך אַזוי פאַר׳ן שיינקעל, און מ׳קלערט: וואָס מ׳זאָל דאָ אָבטהון לייזער׳ן פאַר אַ שטיקעל, פאַר דער עולה וואָס ער האָט געטהון צו דער חברה?..

— אויפהערען געהן צו איהם אין שיינק אַריין?.. ניין... ער וועט זיך גאָר נישט נעהמען דאָס צום האַרצען; ווייל, ס׳איז שוין באַלד נאָכ׳ן פּריזיוו, דאָס יאָהר איז שוין ביי איהם אין

קָעשׁענע, און וואָס ס׳וועט וויעדער זיין מיט׳ן צוויִיטען ונתנה-תּוֹקף— וועלען זיי שוין באַלד האָבען אָבגעקומען די שווערע העלפט פון דער „סלוזשבע"...

אנן בעריל פאַלט אויף אַנ׳אויפטהו:

— נישט וויַיט פון דאַנעט, אין סקווער, הינטען, מויערט ביינִיש גאַרבער אַ הייזעל, שטעהען ציגעל, איז דאָ לײם, זאָל מען איהם פאַר דער עולה אויפמויערן פאַר די טהיר אַ וואַנד פון די ציגעל, און אַזוֹי ווי זיי האָבען נישט ביינאַכט געקאָנט אַריין, זאָל ער ביִיטאָג נישט קאָנען אַרויס...

אַ וועט פאַר אַ וועט...

חברה שפּרינגט פשוט פון דער הויט, מ׳צוטיילט-זיך גלייך אונטער אַ קאָמאַנדע: ווער ס׳זאָל טראָגען לײם... ווער: ציגעל... און דער עיקר: ווער ס׳זאָל מויערן...

און חבֿרה טראָגט, מויערט פלייסיג. אַ פינסטערע נאַכט איז, כאָטש ס׳איז שווער אָנצוטרעפען עפיס און מ׳האָט נישט די געהעריגע כלים, פונדעסטוועגען האָט זיך געאַרביַיט, און וואָס קעלטער ס׳איז געווען, האָט די אַרביַיט מעהר געצויגען און געוואַרימט, געגאַנגען לעבעדיגער... און ווען ס׳איז געקומען טאָג, ס׳האָט אָנגעהויבען צו טאָגען אויף די שווערע אָנגעכמורעטע הימלען, איז אויף דעם אָרט פון פאַר די טהירלעך פון שיינקעל געווען אַ פאַרטיגע וואַנד, אַ פרישע וואַנד אויסגעמויערט פון די ציגעל...

גצוויגען האָט זיך די קייט אויף אין דעם טאָג פון יענעם פריהמאָרגען-אָן, ווען בעריל שייגעץ איז געווען איינגעפלאָכטען אין איהר... באַלד פון דערפריה איז ער שוין געשטאַנען פון הינטען

ביים סאַמע פענסטער און איז אויסגעקומען ווי דאָס לעצטע רינגעל פון דער קייט; נאָך איהם, אַרויפצוצוהער, און אַלץ נעהנטער צו דער טהיר, וואו מ׳געהט אַריין זיך פערשרייבען, וואו מ׳רופט־אָן — זענען געשטאַנען עטליכע שקצים, יונגען, עפּיס פרעמדע מענשלעך, ווייכע, אויסגעוויקטע, וועלכע האָבען אויסגעזעהן, אין זייער נאַקעטקייט, נור איינגעהילט אין די שוואַרצע כאַלאַטעלעך, בלויזע קעפּ, ברילעכלעך אויף די אויגען, איינגעפאַלענע צורות און באָרוויסע פיס — ווי עפּיס שאָטענס פון מענשען, אויסגעוויקטע אין עסיג, זויערע לימענעס...

און די קייט האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבען צו בעוועגען; דאָרטען אין יענער שטוב האָט נאָך עפּיס אויסגעפּעהלט עמיץ פון די מענשען, און ער, בעריל, איז אויך ווי אַלע געשטאַנען רוהיג, איינגעהילט אין כאַלאַטעל, רוהיג, גלייכגילטיג, האַלב אָנגעשפּאַרט אין פענסטער, און אַרויסגעקוקט צום הויף פון „פּאָוויאַט”...

הינטען, אין הויף פון „פּאָוויאַט” שטעהען עטליכע רעדלעך יודען, ווייבער, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעדרעהט אַזוי ווי אין קופּקעלעך; ווייטער שטעהען האַלב־צעוואָרפען אַ ביסעל יונגעלייטלעך, עטליכע שקצים, די אַוודאי, וואָס ברויכען זיך, מסתמא, באַלד אָנשליסען אין דער קייט, ווען זי וועט זיך אָנהויבען וויקלען, וויקלען אויף אַ גאַנצען געהענדיגען טאָג...

צווישען די יודען מיט די ווייבער, זעהט ער, ווי ס׳איז אַוועקגעקראָכען איין יודענע, און ווי זי שטעהט אין אַ ווינקעל פון גרויסען הויף, אין אַ זייט, שאָקעלט־זיך בתמימות צו דער וואַנד, ווי זי וואָלט פרום געדאַוונט די שמונה־עשרה צו מנחה, און רעדט־זיך נאָכדעם אויס מיט׳ן רבונו של עולם, אויפ׳ן קול:

— יושב בשמים, דו, וואָס זיצסט אין הימעל, געדענק אין דיין שפחה, וועלכע איז נישט ווערטה צו מעלדען דיין נאָמען, און נעהם ביי איהר נישט־צו איהר איין־איינציגען בן־יחיד... איהר שפּייזער... און זאָל ער זיך לאָזען לויפען און מיהען פאַר דיר, דיין פאָטער, וועלכער איז אַוועקגעגאַנגען נאָך מיט צוויי יאָהר

צוריק פון דער וועלט, און מ׳ין געלאָזען אַ וויסטע אלמנה... געדענק אַצינד, ווען די סכנה איז גרויס, און די שווערד ליגט אויסגעשפרייט פאַר זיינע פיס...

אויפ׳ן הויף קומען דערווייל צו וואָס מעהר יודען מיט ווייבער; מיט דער רגע קומען זיי צושווימען און איינציגע אַלטע ווייבער, קענטיג: מוטערס, און איינציגע יונגע ווייבלעך, אַפנים— ווייבער, וועלכע האָבען דאָ שטעהן זייערע מאַנען, צי זיהן,—און די דאָזיגע ווייכע מענשלעך, וועלכע שטעהען מיט איהם איינאיינעם ווי די שאָטענס; די אַלע ווייבער הויבען-זיך איינציגווייז אָן צו שאָקלען, מיט טרערען וואָס קומען זיי אין די אויגען-אַריין, און מיט אַ לשון, ווי זיי וואָלטען אַרויסגעזאָגט גלייך פון אַ תחינה, צוגעהט-זיך כמעט איטליכע בעזונדער אין אַנ׳אַנדער ווינקעל, און רעדט זיך אויס איהר ביטער האַרץ צו דער וואַנד,—אַפנים, די צרות זענען פול, דאָס מעסטעל געהט שוין איבער...

איינע דערצעהלט:

— עפּיס פון אַ וויסטען קאַליקע, פון איהר זוהן, אַ חורבן צו איהרע יאָהר—וואָס זיין פאָטער איז נאָך אַ קאַליקע געוועזן און זיין זיידע איז אַ קאַליקע געוועזן, און זאָל איהר אַצינד דער זכות פון זיינע זיידעס, די קאַליקעס—ביישטעהן און זייער איינינקעל זאָל נור ווערען פערזעהן אין די אויגען פון די גרויסע לייט... און נישט אַמאָל נושא-חן-זיין ביי זיי!..

נאָך איינע דערצעהלט:

— פון אַ מאַן, וואָס מ׳זאָל איהם, חלילה, צונעהמען—לאָזט ער זי איבער מיט דריי קליינע קינדערלעך, און וואו וועט זי זיך דענסטמאָל אַהינטהון?.. וואו וועלען זיך אַהינטהון די יתומים?.. פון וואַנעט וועט זי באַלד נעהמען פאַר זייערטוועגען אויף דער ערשטער היי-שעה?.. און אין זכות פון די לעבעדיגע יתומים׳לעך, זאָל ער דאָס ניצול ווערען פון די גוים׳ס הענד, און קומען גלייך אַראָפּצושפרינגען און אַראָבצוטאַנצען פון אויבען מיט דער גאַנצער

ישועה אויפ׳ן האַנד. אַז איהרע שונאים זאָלען ווערען בוזעצט און צושפּרונגען, און זי מיט איהרע קינדער—אויפגעריכט!..

און נאָך איינע, קענטיג: אַ מאַמע, דערצעהלט:

— עפּיס פון אַ קינד, וואָס זי האָט מיט טויטע אַנגסטען אויסגעכאָוועט, און דורך זיין חסד, פון פינף—קוים דעם איינעם אַרויסגעשלעפּט פון מלאך-המות׳ס ציין, מיט וועלכען זי האָט זיך איהר גאַנץ לעבען געראַנגעלט; אַליין אַ צרה׳דיגער, אַ פער׳הושכ׳-טער, אָהן אַ רעכטען אבר, זאָל איהר אויך ביישטעהן דער זכות, און זי זאָל איהם מיט איהרע תפילות ובקשות אויך אַרויסרייסען פון זייערע ציין דאָ...

און דאָ איז עפּיס געשעהן. די קייט האָט זיך אומגעריכט אַ צאַפּעל געטהון, אַ ריהר, איהם אינסטינקטיוו ווי מיטגעשלעפּט, אַ רינגעל האָט זיך אָבגעריסען דאָרטען, אויבען פון פאָרענט ביי איהר, און די קייט האָט זיך אָבגערוקט מיט אַ טריט; אַ מינוט— און נאָך אַ רינגעל פון דער קייט איז אַוועק, און זי האָט זיך נאָך אויף וויטער אָבגערוקט. באַלד האָט ער שוין נישט געהאַט דאָס פענסטער פאַר זיך, צו זיינע אויערן קומען שוין שוואַך צו די טענות פון די ווייבלעך, פאַר זיינע אויגען שטעהט שוין אַנטקעגען די שטוב, די שטוב מיט מענשען וואָס בעטאַפּען און בעהאָרכען איטליכעס רינגעל פון דער קייט, מעסטען, וועגען... און ער, בעפאַריל, רוקט זיך וואָס אַמאָל נעהנטער צו, אַ שווייגענדיגער, קוקט זיך רוהיג איין אין דרינען, אין אָבנעהמונגס-שטוב, ווי מ׳בעגעהט זיך דאָס מיט די מענשען וואָס מ׳רופט-אָן, קוקט גלייכגילטיג און געלאַסען, אָהן די מינדעסטע שרעק, עפּיס, אָ מחשבה... גיכער הויבט איהם שוין-אָן צו אַרען, וואָס מ׳בעקוקט זיי עפּיס אַזוי ווי די קעלבער אויף אַ מאַרק, און ער געהט אַרויס פון געדולד, דאָס סבלנות האַלט נישט אויס, עס פערדריסט איהם שוין באַלד גוט אויף די משוגע׳נע קונצען, וואָס ס׳ווערט געטהון צו מאַנכע פון זיי, און ער מאַכט זיך:

— נײן... בײַ זיך װעט ער דאָס אַלץ נישט צולאָזען...
זאָגען מיט זײן װאָרט: געזונד... און—געגוגו!..

און אָט שטעהט ער שוין מיט דער-ברוסט אויפ'ן שװעל פון טהיר—צום שטוב; ס'ערשטע רינגעל פון דער קײט איז ער אַצינד, און, מאָדנע: אַצינד איז איהם אײַנגעפאַלען אַ קוק צו טהון פון הינטען, הינטער זיך, װײַל, געדוכט האָט זיך איהם אין דער רגע: דאָס אַזוי װי ער האָט זיך גערוקט, ברויך שוין אויס-קומען ער זאָל זײַן דאָס לעצטע רינגעל פון דער קײט!.. און װי פערװאונדערט איז ער געבליבען, זעהענדיג: די אײגענע מענשען װאָס ר'האָט פון פריהער געזעהן הינטען, אין הויף, האַרט צו-געשפאַרט צו די אַלטע הויכע מויערן,—װי זײ שטעהען שוין אַלע אַצינד, שװײַגענדיג און געהאָרכזאַם, אײנער הינטער'ן אַנדערען, נאַקעט, אין די בלויזע רעקלעך אײַנגעהילט, מאַנכע—אין די כאַ-לאַטלעך, אויך אַזוי צעראָבגעלאָזען די קעפ, מיט עפּיס אַ בעזונ-דערע אימה פאַר דער שטוב. הײסט עס: די קײט איז נאָך מיט איהם נישט צו ענדע... ער איז נישט ס'לעצטע רינגעל פון איהר, װי ער האָט געמײנט — — — — — — — — —

— — — און ער, בעריל, דערהערט נישט דאָסמאָל װי מ'האָט איהם שוין צום צװײטען מאָל אָנגערופען בײַם טיש, און דערפיהלט זיך ערשט: װען אַ פּאָר פעסטע אײַזערנע הענד װי פון אַ מחבל גיבען איהם אַ שלעפּ פאַר'ן אָרעם, און ער שטעהט שוין אין שטוב... מאָדנע: דאָסמאָל האָט ער, אַפּנים, צוליעב'ן פערטראַכטען-זיך נישט געפיהלט דאָס בעװעגען-זיך פון דער קײט, און דאָס ער איז נישט מעהר װי אַ רינגעלע פון איהר, אַ רינגע-לע, װאָס טאָר נישט אָבשטעהן אויף אײן אויגענבליק פון אַלע-מען; און פאַר-דאָס האָט ער גוט געפיהלט די הענד, װאָס אַרבײַ-טען אַצינד אַרום איהם, װי אָהן זײַן ידיעה עוסק'ן זײ זיך, לאָ-זען איהם אַראָב עפּיס אַ ברעטעל איבער'ן קאָפּ, און גיבען אָפּער אַזאַ ציפּער צום טיש, װאו אַלץ װערט פערשריבען...

און געקומען צו-זיך. ר'זאָל װיסען: װאָס ס'טהוט-זיך מיט

איִהם, איִז עֶר, ווען דער דאָקטאָר איִז-צו צו איִהם, אַ ברייט-ביי־נעדיִג מענשעל מיִט אַ זיִלבערנעם שיִנעל און בליִשצענדע קנעפּ, און אַ שמייכעלדיִג פּנים, און וועלכער האָט דריי מאָל נאָכאַנאַנד איִהם איִבערגעפרעגט:

— דו ביִסט געזונד?..

— דו ביִסט געזונד?..

— דו ביִסט געזונד?..

האָט ער זיִך ענדליִך דערכאַפּט, וואו ער האַלט איִן דער וועלט, און געזאָגט הויך מיִט אַ פול מויל:

— יאָ...

— און ס'פעהלט דיִר גאָרניִשט?..

הויבט ער מיִט די אַקסלען:

— גאָרניִשט...

— און ס'האָט דיִר קיינמאָל גאָרניִשט וועה-געטהון?—וואונדערט זיִך דער דאָקטאָר.

הויבט ער מיִט די אַקסלען ווי פריִהער:

— קיינמאָל גאָרניִשט...

קוקען זיִך איִבער די אַלע מענשען, וואָס זיִצען אַרום טיִש— שמייכלען, די זאַך ווערט זיי בייגיִעריִג, מאָדנע:

— אַ רעקרוט... און אַ יודיִשער דערצו, ווי שיִקט-זיִך עס, ער זאָל זיִך ניִשט בעקלאָגען אויף עפּיִס?.. אויגען?.. אויערן?.. פיִנגער?.. ציין?.. און וואָס נאָך אַלץ צו דעם?.. און וואָס נאָך?.. וואָס האָט ער ניִשט די אייגענע גליִעדער, וואָס אַלע איִבריִגע יודיִשע רעקרוטען?..

לעגט-צו דער דאָקטאָר דאָס רעהרעל צו זיין האַרץ, נעהמט עס גלייך צוריִק אַוועק, קוקט איִהם אָן אַ רגע, ווי איינעם וואָס לייקענט מיִט אַ כיוון, עפּיִס מיִט אַ זאַך פאַר איִהם, און חדוש'ט זיִך... חדוש'ט זיִך:

— מנע... טאַקי גאָר אַ וואונדערליִכער רעקרוט... אָבער גאָר אַ וואונדערליִכער...

און ער, דער רוסישער דאָקטאָר פערבעט זיין געהילף, גיט איהם דאָס אייגענע רעהרעל, ער זאָל מיט דעם האָרכען; און יענער לעגט עס אויך-צו צו זיין האַרץ, האָרכט, האָרכט, שאָקעלט-צו מיט'ן קאָפּ, ווי ער שטימט-איין מיט זיין קאָלעגע: ריכטיג... ריכטיג... לאָזט נאָך עפּיס פאַלען אַזאַ וואָרט, וואָס ער, בעריל, פערשטעהט נישט, און גיט נאָכדעם ראַפּטום אַ זאָג צום טיש, הויך, אויפ'ן קול, וואו די אַלע גרויסע לייט האָבען פון אַ ווײַלע נור געקוקט אויף איהם, בעטראַכט, נישט אַראָבגענומען קיין אויג, אַפּנים: די זאַך איז זייער געוועזען גאַנץ אינטערעסאַנט...

— נאַ איספּיטאַניאַ!

— — — — — — — — — — —

און ער, בעריל, איז שוין נישטאָ מעהר; די ליניע בעוועגט זיך ווײַטער, די קייט וויקעלט זיך אויפסנײַ אָהן אויפהער, ווי זי האָט זיך געוויקעלט פון נעכטען און אייערנעכטען...

אין שפּיטאָל

ס׳געהט אײַנ׳עטאַפּ; ס׳שלעפּט זיך אַ מחנה יונגען מיט שקצים, שלעפּט-זיך ווער מיט אַ נייגיריגען בליק אַרום זיך, אויף די הייער, מויערן, און ס׳רוב אײַנגעשלאָפען, מיעד, קוים וואָס מ׳שלעפּט נאָך זיך די פיס. ס׳געהט דער עטאַפּ איבער די לאַנגע גאַסען פון דער גובערניע-שטאָדט,—דאָס איז די ערשטע פּאַרטיע רעקרוטען, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעשיקט פון שטעדטעל, און צוו.שען וועלכע ס׳גענינט זיך אויך בעריל שייגעץ.

עפּיס פיהלט זיך אַ מידקייט, אַנ׳אָבהענדיגקייט אין געהן; ערשט וואָס אַרײַנגעקראָכען אין וואַגאָן, דוכט-זיך, אין וועלכען מ׳איז געזעסען צוזאַמענגעקוועטשט אַ גאַנצע נאַכט, געשטיקט זיך אין רויך, און נאָכדעם ווי ס׳איז געוואָרען טאָג, און דער צוג האָט זיך נאָך אַוועקגעקוילערט מיט זיי אַנ׳ערך פון אַ האַלבע שעה אויפ׳ן פּריהמאָרגען, האָט איטליכער פון זיי גענומען זײַן פּעקעל, ווײַל דער צוג האָט זיך דענסטמאָל אָבגעשטעלט מיט זיי ביי דער כטאַציע פון דער גובערניע - שטאָדט, זיי דאָ אויסגעשפּיגען; און אַזוי געהט מען שוין פון אַ היבשע צײַט, גאַס-אויס גאַס-אײַן, די טהירען פון אַלע קראָמען זענען נאָך פערמאַכט, בלויז די שילדען קוקען אַראָב פון איבער די געזעמסען, מיט גראָבע בעשלעגענע אותיות, און מאַכען מעהר וועניגער בעקאַנט מיט דעם רײַכקייט פון די געשעפטען, וועגען די אַלע אוצרות, וואָס ליגען דאָרטען, אינווענינ, אין זיי בעגראָבען...

ווזוהין געהט מען? באַלד אַ שעה ווי מ׳דרעהט זיך, פון

איין גאס ארונטער אויף דער אנדערער ארויף, און ס'זעהט-אויס: ווי מ'וואלט זיך עפיס מיט א כיוון געדרעהט ארום איין זאך, און געוואלט זי אינסטינקטיוו אויסמיידען, נישט אנקומען צו איהר... ס'איז נאך פריה. דער הימעל האט אויך גאר נישט אזא שען פנים—וואלקענס צוריסענע און צופליקטע, א בלייכער דורכלויף איז עפיס ווי א זעלטענהייט; ס'איז נישט קיין ווינד, אבער דאך איז נישט ווארים, א סמוטנע קעלט פרעסט, אנ'אונהיימליכע, דאס איז א הערבסט-קעלט, וואס ברויך מיט זיך, אזוי צו זאגען: ארויס-טראגען דעם ווינטער; די דעכער קוקען אלע אראב אזוי מוטנע, קיהל, און טרוקען... דער „סטרוזש" פון דער חברה, וואס איז מיטגעשיקט געווארען און האט די פאפירען—איז טויט-מיעד, א גאנצע נאכט קיין אויג נישט צוגעטהון,—ער ציהט דורכאויס אין שפיטאל, וויל אבגעבען די חברה, זיין עסק דארטען,—און זיך געהן זיין וועג'ס... אויסשלאפען-זיך, עפיס עסען, און—אהיימפאה-רען, וואס האט ער נאך דא פערשווארצט צו ווערען?..

חברה'ן גלוסט-זיך אבער נאך נישט געהן אין שפיטאל; א סך רעקרוטען פון פאר-א-יאהרען, וואס האבען שוין די זכיה נאכ-אמאל דא אנצוקומען—ווייסען צו דערצעהלען:

— אז קוים געהט מען דארטען אהין אריין,—איז מען אין דרינען; דאס שפיטאל איז ווי א חזקת, נישט קיין אופן פון דאר-טען ארויסצובעקומען זיך, און ביז מ'שיקט נישט פון דארטען ארויס מיט'ן גוטען ווילען צוריק—זיצט מען תפוס... אלזא, וואס איז-זשע זיך דא וויעדער צו איילען?..

די וואולע-יונגען האבען זויך געוואלט געהן אין שפיטאל, נור דאס האבען די „ווייכע" מענשלעך דוקא נישט דערלאזט, כאטש זיי זענען געווען מעהר מיעד ווי אלע אנדערע, אויסגע-מאגערט פון פאר דער לעצטער צייט, ערשט: נאכ'ן פערשווארצט ווערען א גאנצע נאכט אינ'ם וואגאן, האבען זייערע צורות אויס-געזעהן אזוי טויט... אזוי חרוב'דיג... גראד ווי ביי מענשען, וואס ריכטען-זיך אלע ווילע, מ'וועט זיי אריינלעגען אין גרוב-אריין,

בּוּשׁיִטְען מיִט עֶרד... און דֶערצוּ האָבּען זיֵי נאָך גֶענוּמֶען קלאַפּען מיִט די צייַן פאַר קֶעלט, און אַלץ ניִשט גֶעוואָלט זיִך אַראָבּרוּקֶען פוּן דֶער גאַס, זייֵ האָט עֶס ניִשט גֶעטוֹיגט צוּם עֵסק:

— בּאשר בּכן, זייֵ מוּזֶען זיִך פריִהֶער אַרוּמקוּקֶען וואָס עֶס הֶערט זיִך! גלאַט זיִך איִבּעֶרגֶעבּעֶן דֶעם מלאַך־המות אין די הֶענד אַרייַן מיִט׳ן גוּטֶען וויִלֶען—בּרוֹיך מֶען דאָך זייַן אַ וועֶלט׳ס־נאַר!.. וואָרוּם מיִט וועֶלכֶען פוּן די אַלֶע רֶעקרוּטֶען פוּן די וויַיכֶע מֶענשלֶעך איִז בּאַלד אוֹיף דֶעם אייֵגֶענֶעם צוּג ניִשט מיִטגֶעפאָהרֶען אין דֶער גוּבּעֶרניֶע־שטאָדט־אַרייַן: אַ טאַטֶע, אַ מאַמֶע, אַ בּרוּדֶער, אַ קרוֹב, אַ גוֹאל, און וואָס די דאָזיִגֶע האָבּען זיִך דאָס אַציִנד תּיכף אַוועֶקגֶעלאָזֶען איִבּעֶר׳ן שטאָדט: אַ שמֶעק־טהוּן, אַ לֶעק־טהוּן, ווי ס׳האַלט?.. ס׳אַראַ דאָקטוֹיריִם ס׳זֶענֶען דאָ הייַ־יאָהר?.. און צי מ׳שֶעכט ניִשט חלילה ווי אין־דֶערהייִם, אָהן אַ מֶעסֶער?..

עֶרשט וואָס די חבֿרה קוּמט־אָן אוֹיף אַ ראָג־גאַס, וואוּ ס׳וועֶרט האַרט פאַר איִהר נאָז אוֹיפגֶעמאַכט אַ פּאָר טהיִרלֶעך פוּן אַ „טשייַנֶע”; אַ יוּדעֶל, אייַנגֶעקאָבּעֶלט אין אַ פּאַרטשיֵילֶע, מאַכט אַוועֶק די לאָדֶענס פוּן פעֶנסטעֶר, נעֶהמט אוֹיסקֶעהרֶען די שטוּב פוּן נֶעכטיִגֶען מוֹשב,—און די חברה מאַכט איִהר פוּל; זייֵ צוּזֶעצֶען זיִך אַרוּם די טיִשֶען, אַזוֹי די יוּנגֶען ווי די שקצים, זוּפֶען אַלֶע טהייֵ מיִט בּרֶען, אַזוֹי הוֹיך, אַז ס׳גיִט אָב, ווי אין אַ שכנות׳דיִגֶער שטוּב דאָ עֶרגֶעץ וואָלטֶען צֶעהנדליִגֶער מֶענשֶען שוועֶר גֶעשלאָפֶען, און גֶעכראָפּעֶט מיִט די הֶעלזֶער... אָנגֶעטרוּנקֶען זיִך, דֶערוואַריִמט,—לֶעגט מֶען אַראָב די קֶעפּ אוֹיף די טיִשֶען, וויִלט זיִך עֶרשט רֶעכט אַ דריִמֶעל־טהוּן, אָבּעֶר דאָ קוּמֶען־אָן די יוּדֶען, די טאַטֶעס פוּן די „וויַיכֶע” מֶענשלֶעך, מיִט אַ גדוּלה, מיִט אַ שמחה:

— מ׳מֶעג גֶעהן... ס׳איִז אַל־דאָס־גוּט׳ס... מ׳מֶעג גֶעהן...

און דֶער עוֹלם ריִהרט. גֶעהט אַוועֶק צוּפריִדֶען און פרֶעהליִך אין שפּיִטאָל. אָבּגֶענוּמֶען די פּאַפּיִערֶען פוּן גוֹי, איִבּעֶרגֶעצֶעהלט די יוּנגֶען אוֹיפ׳ן שטיִק, נאָך אַ מאָל איִבּעֶרגֶעצֶעהלט, און זייֵ אַרייַנגֶעלאָזט אין אַ גרוֹיסֶע פּאַלאַטֶע, און ס׳האָט אַזוֹי גוּט ווי

געהייסען: מ׳איז אין שפּיטאָל... דאָ האָט ערשט בעריל אויפגעמאַכט די אויגען... דאָ האָט זיך פאַר איהם אויפגעעפענט אַ נייע וועלט... אַ וועלט מיט מענשען...

— עפּיס אַזוי פיעל וועגען!.. אַזאַ טומעל!.. אַזאַ גערויש... ווי אויף אַ יריד... ס׳איז מיט נסים דער קאָפּ האַלט׳ס־אויס... די געדאַנקען מישען־זיך נישט אויס...

און מעהר ברויך בעריל נישט; ער האָט דאָ אָנגעטראָפען בערילען פון אַ סך שטעדטלעך, אַזעלכע מענשלעך פון זיינס גלייכען, און כאָטש עס האָט איהם זייט נעכטען און איינערנעכטען גאַנץ גוט פערדראָסען:

— צו־וואָס מ׳שיקט איהם דאָ אַהער?.. וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם ערשט געברויכט איבערצוטראַנספּאָרטירען דאָ אַהער אויף אַ קאָנסוליום, צו־גלייך מיט די אַלע אַנדערע יונגע־לייטלעך, וועלכע האָבען אודאי צוליעב דעם אויפגעגעסען גאַנצע פונטען ענגעליש זאַלץ, געשלונגען גאַנצע לימענעס, און בעזונדער: זיך אָנגעטהון אַרבע מיתות בית־דין...

האָט איהם אַצינד שטאַרק הנאָה־געטהון:

— וואָס ער איז דאָ אָנגעקומען! פּאָרט אַ מקום, וואו ס׳איז פרעהליך, און לכתחילה, דוקא גאָר־נישט געמאַכט פאַר די „ווייכע" מענשלען, נור פאַר אַזעלכע בערילען פון זיינס־גלייכען.

און בעריל שוויגט פיהלט־זיך, ריכטיג, ווי אַ פיש אין וואַסער; דורך איין האַלבע שעה איז מען שוין אויסגעקאָכט מיט אַלעמען, אַזוי ווי מ׳וואָלט־זיך שוין געקענט פון יאָהרען אַהער, און מ׳פרעגט־זיך־אויס איינער ביים אַנדערען:

— אויף וואָס געהסטו?..

— אויף וואָס געהסטו?..

און איטליכער גיט־איבער דעם אַנדערען בסוד פון זיין פּעקעל; און פּעקלען פעהלען נישט. עס זענען דאָ מכל המינים, צום

אויסוועהלען זיך: וועֶר מיט אַ האַנד, אַ פוס, אַ ווינקעל, מרידען, אַ סקאַלקע אויפ׳ן אויג, און נאָך פון אַזעלכע גוטע זאַכען, פּינ־גער, ציין... אַלץ פּריש־געבאַקענע קאַליקעס, פון הינטער דער באָדעל־אַוועק, נור־וואָס אויסגעפּיקטע פון איי, אַזש זיי צאַפּלען זיך, פונדעסטוועגען בעהאַלט עס קיינער גאָר נישט פאַר׳ן אַנדערען...

— און אויף וואָס, אַשטייגער, געהט אַזוי בערילע?..

— ער זאָל אַזוי וויסען פון אַ בייזע קרענק, ווי ער ווייס אויף וואָס!.. נישט אַנדערש: עפּיס אַ משוגעת פון דאָקטאָר, וואָס האָט איהם אָבגעטהון אַ שפּיצעל אויף צו להכעיס, און ב׳קיין אופן נישט געוואָלט צונעהמען...

גלויבט נישט חברה: מ׳האַלט איהם פאַר אַ פאַלשען...

דערווייל גיט־מען מיטאָג אין שפּיטאָל. חברה: יודען, גוים, ציגיינער, דער רוח ווייס זיי: וויפיל פעלקער, שטעלען־זיך אַלע אויס אין איין לענג, האַלטען די בלעכענע שיסעלעך אין די הענד, און צוויי זעלנער געהען פאַר זיי אַדורך, איינער האַלט אַ ציבער מיט עסען, און דער צווייטער שעפּט־אָן מיט אַ לעפעל פון ציבער און טיילט־אויס איטליכען צו ביסלעך אין די שיסעלעך אַריין; די גוים עסען, פרעסען, זיי האָבען אין־דערהיים אַוודאי דאָס פאַר די אויגען נישט אָנגעזעהן, אָבער די יודען—נעהמט׳ס אַפילו אַזאַ בערילע, אַזאַ קאַליע־געמאַכטע נשמה, צי נאָך עפּיס ערגערס— גיבען זיי אויך אַוועק זייערע חלקים די שקצים, נעהמען נישט צום מויל, נישט ווייל זיי „בזשידזשען”־זיך, און קאָנען, חלילה, נישט פערטראָגען דעם ריח, ווי ס׳קאָן עמיץ מיינען, נור, פשוט:

— נאָך צייט צו עסען פון קעסעל; די טרפה׳נע „יושקע” וועט נאָך אַרויסקריכען פון האַלז, וואָס־זשע האָט מען זיך דאָ אַזוי צו איילען מיט איהר?..

און מ׳טראַכט־זיך:

— ווילאַנג מ׳איז נאָך נישט קיין זעלנער, מ׳האָט נישט

נאָך אָבגעשמירט מיט שאַרע-זייף און אַרייגעגרוקט אין די סאָל-דאַטסקע הויזען—ברויך-מען זיך נישט טרפֿה מאַכען...

ס'איז געוואָרען פֿאַרנאַכט אין שפּיטאָל. די גרויסע און לאַנגע „פּאַלאַטע” מיט די ווייסע אָבגעקאַלעכטע ווענד האָט בעקומען אַ מאָדנעם אויסזעהן; די מערב-וואַנד ווערט אָפּטגעאָל בעפּאַלען מיט אייניגע קרענקליכע שטראַהלען פון דער זון, וועלכע בריך אַפּנים אויסגעהן אויפ'ן מזרח... פון ביידע זייטען שטעהען איבער דער גאַנצער לענג פון דער מאָדנער שטוב, אין אַ לאַנגע רייהע, אויסגעשטעלט די בעטלעך, אויף וועלכע עס ליעגען די יונגען, שקצים, ווער מיט'ן פּנים אַרויף צום באַלקען, די הענד אונטער-געלעגט הינטער'ן קאָפּ, ס'רוב: מיט די פּנים'ער אַראָב, שטיל, זיך ליעגען זיי, איינגעגעוערט אין די קאָלדרעס, פערשטומט — — — — — — — — — — — ס'איז די צייט פון טראַכטען, פֿאַרנאַכט, בין-השמשות, רייסט-זיך עפּיס דאָ ס'געפֿיהל פֿון בענקשאַפֿט אָב... מ'מאַכט נישט-ווילענדיג צו די אויגען און ס'קומט צושווימען עפּיס אַ נאָהנטע, אַ היים... אַן ערינערונג... אַ משפּחה... אַ הויז... און עפּיס אַ שרעק פאַר דער ווייטעניש, ווייס ווינקט און לאָקערט שוין-אָן, רופט פֿון דאָרטען אויף „סלוזשבע”...

ס'ווערט טונקעלער. און מיט דער טונקעלהייט—אויך שטי-לער. דאָס גערויש פֿון טאָג שטילט-זיך-איין, די יונגען פערקריכען זיך אין קופּקעלעך, זעצען-זיך-אָן אין די ווינקעלעך, מ'טוליעט-זיך צוזאַמען אינאיינעם, און מ'קוקט פֿער'חלום'ט, און מ'שווייגט... פֿון דרויסען קומט-אָן די נאַכט, אַ פֿאַרנאַכט פֿון אַ פולען הערבסט-טאָג, פול יאוש, לאַנגווייליגקייט, און עפּיס זיצט-מען מיט צווייפֿעל מיעדקייט, פֿוילקייט... דאָס מויל שפּרייט-זיך אַלע ווילע אויף

און ווִיל זִיךְ אִיבֶּערְרַייסֶען אִין צווִייֶען פוּנ׳ם נִישט־דֶערגֶענִיצֶען...
דוּרךְ דִי מערב־פֶענסטֶער קוּקט דֶער הִימֶעל פּוּל מִיט בֶּענקשאַפְט
ווִי אִין אַ תפיכה, אַ הִימֶעל וואוּ דִי זוּן פַּאלט־אַראָבּ אִיבֶּער אַ
טוּנקֶעלֶען אוֹיפגֶעוועלבטֶען וואָלקֶען—אַ גאַנצֶע, אַ פִיעל־פַאכִיגֶע, אַ
פֶערגרֶעסֶערטֶע, און נאָךְ מֶעהר—אָנגֶעשוואָלֶענֶע פוּן רוֹיטקַייט, אַנ׳־
אָנגֶעלאָפֶענֶע...

טוּנקֶעלֶער ווערט. אִין אֵיין ווִינקֶעל הוֹיבּט־זִיךְ מִיט אֵיין
מאָל אָן אָנצוּזֶעהן דאָס לִיכטִיגקַייט פוּן אַ קלֵיין אֵייל־לֶעמפֶעל, וואָס
ברֶענט, קאָפּטשֶעט, און כמוּרֶעט־זִיךְ אִיבֶּער׳ן בִּילד פוּן דֶער הֵיי־
לִיגֶער מוּטֶער; אַ גאַנצֶען טאָג אִיז עֶס כמעט געוועֶן ווִי פֶערזֶעהן,
דִי טראָפֶּענס לִיכטִיגקַייט זֶענֶען דֶערטרוּנקֶען גֶעוואָרֶען אִין דֶעם
ים פוּן לִיכטִיגקַייט פוּן טאָג. און מִיט׳ן אָוועֶנד ווערט דֶער פלאַם
שאַרפֶער, דַייטלִיכֶער, בּוֹלט׳ער, און גִיסט־אוֹיס אַרוּם־זִיךְ אַזוֹי
פִיעל הֵיימלִיכקַייט און מוּנטֶערקַייט...

און עֶס זִיצֶען שוֹין דאָרטֶען, אִין יֶענֶעם ווִינקֶעל, דִי פוֹיעֶרִים־
שקצים, אַיינגֶעהִילט אִין זֵייעֶרֶע פוֹיעֶרִישֶע דֶעלִיעֶס, אֵיינֶער
נֶעבֶּען אַנדֶערֶען, אוֹיף דִי קנִיע, און הוֹיבֶּען־אוֹיף זֵייעֶר אָוועֶנד־
געֶבּעֶט, וואָס אִיז אַזוֹי מאָנאָטאָן און קלאָגֶעדִיג... און דאָס גראָהֶע
אוּמֶעטִיגֶע געֶזאַנג צוּגִיסט־זִיךְ אִיבֶּער דֶער לאַנגֶער און פוּסטֶער
פאַלאַטֶע, ווערט וואָס אַמאָל ווַארִימֶער, הֵייסֶער, מִיט׳ן אָנקוּמֶען
פוּן דֶער נאַכט—אַלֶעס מֶעהר סוֹדוֹת׳דִיגֶער, גֶעהֵיימנִיספוּלֶער...

פוּן דִי אִיבּרִיגֶע שטוּבֶּען בֶּעווַייזט־זִיךְ ווֶען־נִישט־ווֶען אַ זֶעל־
נֶער, אִין אַ ווַייסֶען קראַנקֶען־כאַלאַט, מִיט צַנ׳אוֹיסגֶעמאָגֶערט און
אַיינגֶעצֶערט געֶזִיכט, געֶל ווִי אַ וואַקס, דֶער גֶעהט־צוּ צוּם ווִינקֶעל
וואוּ ס׳זִיצט ס׳זַיינִיגֶע, לאָזט־זִיךְ אַראָבּ אוֹיף דֶער קנִיע פאַר׳ן
פלאַם, מאַכט אִיבֶּער זִיךְ אַ צלם, און צִי עֶר זִיצט אַזוֹי שטִיל,
פֶערטראַכט, צִי עֶר זאָגט־מִיט אִין דֶער שטִיל, קנִיפּט־אַיין זַיין קוֹל
אִינ׳ם כאָר פוּן דִי יוּנגֶען, און זַיין שטִים ווערט בֶּעהאָפטֶען צוּם
אַלגֶעמֵיינֶעם גֶעבֶּעט פוּן זַיינֶע גלוֹיבֶּענס־בּרִידֶער, ווֶעלכֶע זִיצֶען
שוֹין אוֹיךְ דאָ פֶערוואָרפֶען אִין דֶער פרֶעמד, אָבגֶערִיסֶען פוּן דֶער

הײם, נור וואָס זײ האַלטען־זיך שטאַרק אין זײער גאָט, צאָלן אײנס צי זײ זעגען ערשט צוואַנציג מײַל ווײַט פון דער הײם, סײַ זײ וועלען נאָכדעם זײַן טויזענד מײַל ווײַט פון דער הײם..

טונקעלער, טונקעלער ווערט אין שטוב...

אויך פון די יונגען קלויבט־זיך־אָב אײנער און אײנער, ביז אײנעם, אַנטקעגען־איבער אין מזרח־זײַט געווענדט, זיצען זײ אין אַ הײַפעל, די יונגען, אײַנגעהילט און ווי פערהוילען אין אָוועגד־דעמערונג פון דער אָנקומענדער נאַכט; און דאָ שטעהען זײ אַלע אויף די פיס, נעהמען־זיך שאָקלען, שטיל און אײַנגעהאַלטען, פול מיט עניוות און יראה, אַרײַנשאָקלען זיך ווײַט אין דער נאַכט־אַרײַן, גראָבע יונגען, ווי זײ וואָלטען ערשט אַצינד דערפיהלט דאָס גרויסקײַט פון גאָט... ווער ס׳גאַרטעלט־זיך אַרום מיט אַ פאַרטשײלע און זאָגט שטיל די הויכע שמונה־עשרה פון מנחה, זאָגט שטיל, אָבער אַזוי שטאַרק, אָבשטעלענדיג זיך אויפ׳ן פירוש המלות, ווי ער וואָלט מיט דעם בדעה־געהאַט צו־צוקײַען די פסוקים פאַר׳ן גראָבען עולם, געבען זײ אַמאָל אַ לעקעכעל, און זאָלען זײ אויך פיהלען דעם טעם פון אַ וואָרט, ווי זיס ס׳איז, ווי גוט, ווי ס׳צוגעהט־זיך אין אַלע אבֿרים, בעזונדער נאָך: אין אַזאַ צײַט... און דער עולם, ווי ער וואָלט ערשט רעכט בעגומען דעם טײַטש, לעקט די פינגער, כאַפּט־נאָך איטליכער אויפ׳ן קול און מיט אַ ניגון—ברוך הוא וברוך שמו... אָמן...

און אויך פון די אַנדערע שטובען, וואו עס ליגען די זעלנער, קראַנקע, רײַסט־זיך־אָב פון דאָרטען עפּיס אַ זעלנער אין אַ ווײַסען כאַלאַט, אין אַ פּאָר שטעק־שיך, מיט אַ געל־קרענקליך געזיכט, וועלכער געהט שטיל איבער ווי בגנבה צו דעם ווינקעל פון די יודען. אַזוי לאַנג געפּינט ער זיך שוין צווישען גוים, און אַצינד דערפיהלט ער אין זיך דעם יוד, דאָס גרויסקײַט פון זיך; דאָס געזאַנג, דער ניגון האָט איהם געצויגען, און ער קניפּט־זיך־אָן אין די יונגען, שאָקעלט־זיך דאָך־מיט צו מנחה...

פינסטער ווערט... אין דעם גרויסען, לאַנגען צימער זעהען־

זיך קוים אָן די בעטלעך אַזוי ווי די פּערגליווערטע שאָטענס,
און די יונגען, וואָס ליגען אויסגעצויגען אויף זיי אַזוי אונבעווע-
גליך, ווי געשטאָרבענע, מאַכען דעם איינדרוק פון עפּיס אונבע-
שטימטע אָנגעוואָרטענע קנוילען... דורך די פענסטער לעשט-זיך-
אויס דער לעצטער בלאַסק פון הימעל, פינסטער איז אין דרויסען,
און פון ערגעץ אין דער שכנות'דיגער נאָהנטקייט, וואָס ס'זעהט
אויס צו זיין אַזוי וויט—טוקט-זיך עפּיס אַ פייערל, וועלכעס בע-
דעקט זיך מיט אַש, טוקט-זיך אַ פייערל, וועלכעס שיינט צו זיין
פון אַ פּאַפּיראָס — — — — — — — — — —
— — — און עס ציהען-זיך די געזאַנגען אין דער פינסטער,
שטילע געזאַנגען, פון ביידע ווינקלען, וועלכע מישען-זיך-אויס אין
זייער איינזאַמקייט—איינאיינעם צושווימען-זיך איבער'ן פוסטען זאַל
פון דער „פּאַלאַטע"

אָנגעצונדען אַ ליכט, איז גראָד ווי שבת פאַרנאַכט, אין אַ
יודישע שטוב, צו זמירות, ווען ס'באווייזט-זיך אַ שטערן אויפ'ן
הימעל, און מ'צינדט-אָן אַ ליכט צו אַ הבדלה—אַזוי ווערט די גאַנ-
צע שטימונג אויסגערונען. דאָס ליכטיגקייט פון'ם לעמפּעל, וואָס
האָט-זיך צוגאָסען, פּאָטש איבער אַ גאַנץ-קנאַנען שטח—פון צימער,
און קוים דערגרייכט מיט שווערע שאָטענס אין די ווינקלען צו
די ווענד, האָט דאָך אויף אַזוי פיעל געווירקט, אַז דאָס געזאַנג
זאָל-זיך גלייך ווי מיט-אַמאָל איבעררייסען און אויפהערען. די חברה
האָט-זיך גלייך אַ ריהרגעטהון פון די ערטער, זיך-צולאָזט איבער'ן
זאַל, אויסגעמישט-זיך, און מונטער, פריילעך, ווי נאָך נעילה, זיך
אַרומגעכאַפּט, אַ שייגעץ מיט אַ יונג, אַ יונג מיט אַ שייגעץ,
גוט-ברודערשאַפט, און זיך גענומען אויסרעדען איינער דעם אַנדע-

רעָן, אָנדערצעהלעָן פון דעָר היים, וועָר ס'האָט זיך נור געהאַט אויך אָנגעשטויסעָן אין ס'זיינינגע, פון אַנ'איינגעָן דאָרף, פון אַ נאָהעָנטעָן ישוב...

באַלד האָבעָן זיך־אָנגעהויבעָן די קאָמיסיעס. דאָקטוירים זעָנעָן געקומעָן, דאָקטוירים מיט העלע שינעלעָן און בלאַנקעָנדיגע קנעָפּ, וועלכע האָבעָן זיך צוטיילט מיט אַ געוויסעָן סדר, און איטליכעָר אין זיין בעָזונדעָר „אויפנאַהמס"־שטוב; און פעָלדשעָרס מיט פּאַפּירעָן אין די העָנד, נעהמעָן לויפעָן, רופעָן נאָכאַנאַנד עפּיס פון אַ ליסטע, נעמעָן, וועלכע האָבעָן שוין, וואַהרשיינליך, בעָדאַרפט זיין פון פריהעָר צוגעגרייט; און פאַר איטליכעָר טהיר בעָזונדעָר, וואו די דאָקטוירים נעהמעָן־אָן—האָבעָן זיך אַוועקגעָשטעָלט חברות יונגעָן, שקצים, סיי די פון גערופענע און סיי יענע וואָס מ'האָט נישט אָבגערופעָן, אָבעָר וועלכע האָבעָן זיך שוין גוט פערשטעָנדיגט לויט זייערע „פּעָקלעָך", צו וועלכעָן דאָקטאָר זיי געהערעָן, און אַציגד, ביים אַריין־און־אַרויסגעהן פון די יונגעָן, וועלכע האָבעָן זיך אַזוי גיך אָבגעָפערטיגט, איינעָר נאָכ'ן אַנדערעָן—נישט מיעד געוואָרעָן איבערצופרעגעָן, איינמאָל און אַ צעהנטעָן מאָל ביי יעדעָן איינציגעָן יונג בעָזונדעָר:

— עפּיס אַ שלעָכטער דעָר דאָקטאָר?..

— אַ שלעָכטעָר?..

— אַ הונד?..

— בעהאַנדעָלט שלעָכט?..

— ווי? נעהמט גוט אויף?..

און אַזוי ציהט־זיך דאָס אָבנעהמעָן ביז נאָך אַכט. די דאָקטוירים נעָהמעָן ב'וועָג, דערפיהלט־זיך חברה עפּיס ווי פריַיעָר, ווי מ'וואָלט פון זיי אַראָבגעָנומעָן די שטריק, און אָבגעלאָזט; איטליכעָר רעָקרוט, לויט זיין השערה, וואָס איז נור געוועָן אויפ'ן „וויזיט", ווייס שוין גוט, לויט די מינעס פון דאָקטאָר, ביים אויפנעהמעָן, ביים בעָטראַכטעָן,—צי עָר איז אָנגעשריבעָן צום גוטעָן, און וועלכעָר—צום שלעָכטעָן, זענעָן זיי ביידע מינים רעָקרוטעָן

אַרומגעלאָפּען ווי פּער׳סם׳טע מייז, סיי די ערשטע מיט אַ גדולה
אין בויך, סיי די לעצטע מיט אַ בראָך, און ביי די ווי ביי יענע
איז אַלץ אַצינד איין קלעהר:

— ווי-אַ-נאָך מ׳קריגט-זיך אַצינד אַרויס פון דאַנעט; אין
דרויסען וואַרט משפחה, וואַרטען פריינד, טאַטע-מאַמע, און גלאַט
קרובים, די יעניגע וואָס פון שטאָדט—איז פון שטאָדט; די יעניגע
וואָס פון דער פרעמד—איז פון פרעמד... מ׳ברויך גלייך אַלעמען
איבערגעבען, ווי ס׳איז דאָ דערגאַנגען. ביי וועלכען—גוט, און ביי
וועלכען ס׳איז אויך קאַליע-געוואָרען—ברויך מען זעהן: ס׳זאָל
צוריק אַריין אין דער שרויף, און געהן ווייטער ווי ס׳ברויך
צו געהן...

קומט מען צום „דניעוואַלני” וואָס זיצט ביים טהיר, און
האַק אין לעדער, און טרען—מ׳גיט איהם אַ גילדען, אַ פּערציגער,
צוויי זהובים, ס׳דערגעהט שוין ביז צו האַלבע קערבלעך, און ער:

— ר׳האָט אַ׳אָנזאָג פון „נאַטשאַלסטוואָ” איינמאָל פאַר אַלע
מאָל: נישט אַרויסצולאָזען קיינעם, אַנישט וועט ער געהן אין
קאַרצער...

איז דאָך בערילע דאָ אין שפּיטאָל. גנב׳עט ער זיך אונטער
אין בוידעם-שטיבעל, מאַכט דאָרטען אויף ס׳פענסטערל און, מ׳ברויך
אַראָבלאָזען זיך אין הויף. עולם האָט מורא צו ריזיקירען—פאַר
דער האַנד זענען דאָך פאָרט אַלע קאַליקעס, אָהן אַ געלעכטער,
חולאים, און אַגב—פון אַזאַ הויכעניש, דורכ׳ן דאַך-פענסטער...
לאָזט ער, בעריל, זיך אַליין אַראָב, פאַמעליך צוהאַלטענדיג-זיך
ביי אַ רינע און שטיקער געזעמסען, און איידער ס׳געהט נאָך
פאַרביי אַ פיערטעל שעה וואַקסט שוין אויס אַ לייטער הינטער׳ן
פענסטער, וואָס דער שוואַרצער יאָהר ווייס פון וואַנעט ער האָט
זי אויסגעקראַצט...

און באַלד, גוטע ברידער, אַלע בערילעך, געהען...ך אויף
איהר אַראָב און אַרויף, ווי די מלאכים אויף יעקב אָבינו׳ס לייטער;
און די „וויכע” מענשלעך—אַ מכה! ס׳ברויכט—בעצאָהלט׳ס! איז

ווער ס׳מאַכט איהם, בערילע׳ן, עפּיס אַריין אין דער יד־אַריין,— יענער גיהט אַרונטער, פערשטעהט־זיך: אַז אין געלד־געבען איז פון זייער זייט קיין מניעה נישט געוועזן... און פאַר דעם איינגע־נעם כסף, האָט ער זיי שוין אויך די טובה געטהון,—אונטערגע־האַלטען די פלייצע ביים פאַרקאַן, די אַלע זאָלען וואָס גיכער קענען אַריבערקומען פון יענער זייט פאַרקאַן, ווייל ביים טויער שטעהט אַ פרישע שמירה...

און נאָכדעם, ווען בערילע האָט זיך געלאָזט געהן אין גאַס־אַריין, מיט זיין עולם אויך: בערילען, שמואל׳לעקלען, ברוך׳־לען, אַשטייגער ווי פון־דערהיים, נור פון פערשידענע שטעדט־לעך אויס דער גאַנצער גובערניע, דאָס שמאַלץ פון יעדען מקום בעזונדער—האָט ער אויך געהאַט אַ פולע קעשענע מיט געלד, קופער, ווייס, וועלכעס האָט איהם שיער נישט אַראָבגעשלעפּט די הויזען פון די פיס און איינגאַנצען אויך—אין דער ערד אַריין...

און מ׳זוכט־אויף אַ שיינקעל, מ׳זעצט־זיך אַריין, אין דער גרויסער שטאָדט פעהלט די סחורה נישט; איז נישט לייזער, איז חיים, יאַקעל, גרונם! אַ חילוק: ווי דער בעל־דבר הייסט, און צי ער האָט אַ געלע באָרד, צי אַ שוואַרצע, אַבי די שיינק האָט דעם אייגענעם פּרצוף, מ׳בעקומט אין איהר אַ גלעזעל ביער, און פון הינטער די פּאָלע אַפּער—אַ גלעזעל בראָנפען אויך...

מאַכט־זיך אָבער שפּעט, פון די גרויסע געשעפטען ווערען די טהירען איינציגוויז פערמאַכט; אין גאַס ווערט פינסטער, חושך—כאָטש טאַפּ אַ וואַנד, און דער שיינקער איז אויך נישט לייזער, אֶפשר גאָר נאָך אַ גרעסערער שמענדריק, אָבער ווי ס׳קומט נאָהנט צו חצות, וויל ער נישט ריזיקירען מיט זיין פרנסה, און הייסט זיך פּאַקען אין וועג־אַריין... אויף אַלע טענות קומט ער אַרויס: ס׳איז נישט דאָ קיין קליין שטעדטעל, מיט קיין גילדען אַ סטראַזש־ניק געהט־עס אויך נישט צו מאַכען—און ער פערמאַכט ביידע טהירלעך פון דער שיינק! און ווייל ר׳האָט דאָך פאָרט צוגענומען ביי זיי די פּאָר גימעלעך, און ס׳פּאַסט דאָך עפּיס נישט שלעכט

אַפּערצוקומען, גראָב,—האַלט ער נאָך ווי־ס'איז־נישט בגנבה בוי־געלענט די טהירלעך, נישט פערלעגט דעם פרענט ביז נאָך חצות, גאָבדעם—העלפט שוין קיין שום טענה נישט, חברה בלייבט שטעהן אויפ'ן גאַס, אָהן אַ גראָשען געלד, פאַר־דאָס מיט פולע מוחות, פערדרעהטע, און ווי אָנגעשמיסען און פון באָד אַרויסגעטריבען, קוקט־זיך־אָן איינער אין אַנדערען.

— וואו געהט־מען?..

אַרום איז פינסטער. פערהענמערט און פערמאַכט הינטער'ן שלאָס און ריגעל. איז עס אַזוי אין־דערהיים, האָט זיך איטליכער בעזונדער, אַפילו ווי אַזאַ בעריל שייגעץ—זיין אָרטעל, וואו מ'קאָן נאָך צו אַלע צרות פערשטופען אַ נאַכט; געה און זוך דאָס אין אַ פרעמדע שטאָדט... זוך סתם אַ מקום־מנוחה, וואו אַוועקצולעגען ס'בינטעל ביינער, נ'קאָפ... זיך אַ ביסעל אָברוהען... נור—דאָס איז אויך בלאָטע, אַ נאַש־בראַט טאָר ביינאַכט נישט שלאָפען... ביינאַכט, ביינאַכט, זאָגט בעריל שייגעץ, ברויך מען אויף־צו־זיין... ברויך מען זעהן עפיס אַוועקצוטהון... און ווען־דען לעבט־מען אין די יונגע יאָהרען—מיינט נאָך עמיץ, אַודאי אַזאַ גאון ווי בערילע—אויב נישט ביינאַכט?.. ווען־דען לעבט־מען?..

און אַזוי געהט־מען, געהט דער עולם, אַ ביסעל אויך פער־קנאַקט, אָבער דאָך—גלייך, שאַ, שטיל, מ'בעמערקט נישט לחלוטין פון קיין שכרות ביי זיי, אַ יוד האָט נישט קיין טבע צו שרייען, ליאַרמען, ווען ער איז בגלופין, נישט מעהר: אַ וואַקעל... אַ טאָטשע... אָבער אויך—אויסגעהאַלטען... גלייך מיט'ן וועג, אַיין גאַס אַריין, די אַנדערע אַרויס, עפיס זוכט מען, ס'ווילט זיך דאָך אין עפיס אָנכאַפען, די פיס זענען שווער ווי די העלצער... און דאָ דערזעהט־מען, ווי פון אַנ'אויבערשטען גאָרן לייכטען־זיך עפיס העל אַלע פענסטער, אַ ליכטיגקייט — ס'פערדרייסט, אַזש ס'האַרץ הויבט־זיך־אָן צו דערפרעהען, און באַלד לאָזט־זיך הערען פון דאָר־טען עפיס אַ שפּילען, אַ צימבלען, חברה ווערט נתפּעל, גאָר ווי אויפגעלעבט, און מ'שטעלט פיס אַרויף, אויבען..

ז׳קומט אַרויף—אַ חתונה; וואוילע געסט אויך, אָנגעלעגט—
אַ שמחה, מ׳האַלט גראָד ביים טישען. ס׳איז נאָך דער חופה.
מ׳גיט זיי איטליכען בענקלעך, און מ׳בעט זיי צו דער סעודה,
רעקרוטען, פאַרוואָס נישט?..

ווילען זיי נישט עסען.

— זיי זענען געקומען גלאַט אַ ביסעל אַהערצו־צו פערברענ־
גען, ווייל ס׳איז דאָ היימליך...

און מיט אַנ׳אויסרייד; אַ ליגענד מיט אַ וואָרט־צייכען:

— זיי טאָרען נישט שלאָפען ביינאַכט... ס׳קאָן זיי שאַדטען
צום עסק... וועט מען אַ ביסעל דאָ זיין... נישט קיין אייגענע
שמחה, דאָך—אַ שמחה! אַ טרונק בראָנפען, אַ גלעזעל ביער, אויב
ס׳איז פאַרהאַן—וואָלטען זיי זיך דוקא נישט געקרענקט...

נו, פעהלט דאָס אויף אַ שמחה?..

זיצט חברה ביי אַ גאַנצען שטאָף שפּירטוס באַלד, און—
אַרבייט מעשים; מ׳טרינקט, און מ׳כאַפּט אויגען צו דער כלה; די
מיידלעך ווידער וואַרפען אויגען צו די יונגען, און אַזוי געהט־צו
אַ פרעהליכער פאַנטאָמין, שמועסען־זיך־אַדורך אויף שטום־לשון:

— הער נור, דו, וואָס מיט׳ן ווייסען שלייפעל, וועסטו קו־
מען מאָרגען צוגעהן, נאָכמיטאָג, אָדער פאַרנאַכט, אין גאָרטען?..
יאָ?..

— און דו, וואָס מיט׳ן גראָבען צעפּעל, מיט׳ן שמאָלען
בעזעל, געדענק מאָרגען: אין שמאָלען געסעל...

דערווייל רוקט־זיך אַרויס די סעודה. די פיס ווערען פער־
לענדט, ס׳פלייש קומט אַכנים גלאַט אַוועק מ׳ווייס נישט וואו,
קוים דאָס צימעס וואָס מאַכט נאָך בע׳טעם׳ט ס׳מויל, דער מאַר־
שאַלעק נעהמט גראַמען, און ס׳כאַפּען זיך שוין אויף׳ן אָרט האָפּ־
קעס, אַלטע ווייבער קאָנען שוין נישט איינרוהען, עס הויבט־זיי
ממש אונטער, זיי בעקומען דאָס, ווי הייסט עס דאָרטען... אויפ׳ן

באָלף אַלפי מחילות, און מיט די לעדיגע מײַלער, אָהן צײן, אײַנגעשרומפּענע פּנים'ער, באַקען, נעהמט-מען-זיך דרעהען איבער'ן זאַל ווי די פּוסטע פליגעל פון ווינד-מיהלען, פון וועלכע מ'האָט שוין פון לאַנג געברויכט האָבען אַרויסגענומען די שטײנער אינ-ווענינ, די וואַלצען...

מחותנים בעקומען שוין אויף היץ, קלאַפּען-צו מיט די הענד, כלי-זמרים האָבען שוין פּערפיקט צַלץ פון די טישען אַראָב, געזעהן צום קאָפּ, דאָס פּעסעל ביער, אָנגעלעגט זיך איטליכער אַ באַנדע—אַז יעדער פון זײ קאָן שוין שפּיעלען באַלד אויף זײן אײגענעם פויק; דער פידלער נעהמט שוין „סטרויען", און ווען ער ציהט-אויס דעם ערשטען געלונגענעם טאָן, פאָהרט אַריבער מיט'ן סמיק איבער די גאַנצע לענג פון אויבען ביז אַרונטער,—כאַפּט-איהם שוין אונטער אין אַ בעגלייט פון דער אַנדערער שטוב דער מאַרשאַלעק מיט אַ לאַנגען און אויסגעצויגענעם „שאַ!" און בעווייזט-זיך גלײך מיט'ן זײדענעם קאַפּעלע אויפ'ן קאָפּ, שטענדיג גראַמען ווי פון אַ לעכערדיגען זאַק-אַרויס...

אַזוי ווערט אַ גראַטשקע מיט-דער מינוט... מ'זעהט גאָר נישט ווי געשיקט די טישען מיט די בענק ווערען אַרויסגעשיקט, און דער עולם מישט-זיך אויס: וואָס ס'איז פריהער געוועזען ביחידות אין בעזונדערע שטובען—קומט-זיך צוזאַמען אינ'ם גרויסען זאַל, דער חתן איז שוין אין אײן שטוב מיט דער כלה, און מיט איהם—אַלע איהרע מײדלעך, ווײַבלעך, מחותנת'טעס, יודען, בחורים, יונגע-לײט, אַלץ אינאײנעם ווערט אויפגעלעבט, פערגעסט אין די מחיצות, וואָס האַלט זײ אײביג פון דערווײַטענס, און ווערען אַצינד אַזוי צוגעלאָזען אײנער צום אַנדערען... אַ פרעמדע אשה כאַפּט-זיך שוין אָן אין גאַרטעל בײַ אַ פרעמדען מאַנספּערשון, און מ'האָפּקעט נאָך, און ס'דוכט-זיך: וויבאַלד נור די כלי-זמרים שפּיעלען נור אויף עפּיס אַ קנאַקעדיגעס—אַזוי נעהמען-זיך אַלע פאַר

די הענד און גאַרטלען, און ס'וועט ווערען איין ראָד, איין קלימי-פּער: איין מענש פון די אַלע מענשען...

און דאָ שווימען מיט-אַמאָל אַרויס די יונגען און צולאָזען-זיך איבער'ן זאַל; אויפגעפלעגט איז מען, אַ כוס'ע אין קאָפּ האָט מען, די בעסטע טענצער פון דערהיים—בעוויזט מען וואָס מ'קען: אַ קאָזאַצקע... אַ קאָמאַרעסקע... אַ האָפּ-טשיק-טשאַק... אַ ראַב-טשאַק-טשאַק... געסט, מחותנים, די רוקען-זיך אָב אויף די ווענד, ווייבער, מיידלעך קריכען אַרויף אויף די בענק... און די יונגען—אַלע מיט'ן אויג: שדים, דרעהען-זיך אַזוי גיך, פלינק, פאַלען צו די פיס, ווי זיי בעטען-זיך מיט זייערע שכור'ע צורות, און אין מיטען פון זייער משונה'דיגען טאַנצען—אַזוי געלאַסען, וויך, איידעל, אַז ביי די מיידלעך צוגעהען די הערצער, און ווען זיי ווערען נאָכדעם ווילד, פערשייט, אַז ביי די יודען פאַלען-אַרויס די הערצער פאַר שרעק...

און אַזוי ווערט געטאַנצט... מ'טאַנצט, ביז די יודען, ווייבער, מיידלעך קוקען-זיך-אַרום: חתן-כלה זענען נעלם-געוואָרען, די אונ-טערפיהרערס האָבען געמאַכט אַ גראַטש, און נישט מעהר, נישט ווענינער אַרויסגע'גנב'עט ווי נ'חתן מיט דער כלה—הויבט מען זיך-אָן איינציגווייז אַרויסצורוקען פון זאַל ווי די איבריגע, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, און מ'לאָזט אַזוי די יונגען טאַנצען פאַר די לעדיגע ווענד פון פוסטען זאַל — — — — — — —
— — — — און ווען זיי קוקען-זיך - אַרום, די יונגען, טאָגט שוין אין דרויסען...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען בשעת אַזאַ געלויף, אַזאַ

געפילדער און ליארם, ווי ס׳מאַכט-זיך ווען די דאָקטוירים קומען אָננעהמען אויף וויזיטען, צווישען אַנדערע נעמען, ווי:

— חיים מאָפס... איציק קלאָפּס... חײַקעל טרעפּער... צדוק שלעפּער...

אויך אָנגערופען:

— בעריל קלאַק...

און בײַם גאַנצען רעדעל, וואָס פאַקט-זיך פאַר׳ן טהיר, נישט ווי דאָרטען, אין-דערהײַם, בײַם „פּאָוויאַט" ס׳האָט זיך געצויגען די שורה, נור, להבדיל, ווי אין אַ חסידים-שטיבעל, בשעת חדוה, מ׳קריכט איינער דעם אַנדערען מיט די פיס אין קעשענע—איז ער אויך געקראָכען, האָט ער זיך אויך געפּאַקט...

און ענדליך, האָט זיך די טהיר אויפגעמאַכט, פון דער „אויפנאַהמס"-שטוב האָט מען אַרײַנגערופען אַ שטיק דרײַסיג יונגען, אויך בעריל שײַגעץ צווישען זײ, און געהייסען אַלעמען אויף-אַמאָל זיך אויסטהון...

דער דאָקטאָר, שוין אין אַ ווײַסען פאַרטוך מיט אַ גלאַט אויסגעראַזירט געזיכט, זיצט בײַם טיש, אויף וועלכען עס שטעהט אַ גלעזערנער סלאָי מיט וואַטע, ס׳ליעגען רעהרלעך, בײַנדלעך, או אַנדערע מכשירים... און באַלד געהט ער אַפּער, בעטראַכט די חברה, וואָס האָבען זיך שוין אַלע אויסגעטהון, שטעהען נאַקעט—צושטעלט ער זײ אין שרענגעס, איינע הינטער דער אַנדערער; איין שרענגע הייסט ער לויפען:

— איינס, צוויי, דרײַ...

און די שרענגע לויפט טריט בײַ טריט, אַרויף ביז׳ן וואַנד און—צוריק; אַנ׳אַנדערער שרענגע הייסט ער זיך זעצען אַראָב און אַרויף, הויבען-זיך און אַראָבלאָזען נור גיך, אין איין אָטעם; אַ דריטער שרענגע הייסט ער: בייגען-זיך אָהן אויפהער ביז אין דער העלפט פון זייערע קערפּער, מאַכען דערבײַ מיט די הענד, אויס-

ציהען-זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי אַ זשאַבע...

און אַזוי האָט ער צושטעלט די חברה-יונגען מיט שקצים, געהייסען זיי אַלע אַרבייטען פליייסיג נאָכ'ן טאַקט, דאָס איין פלוג האָט זיך געדולט: ווי דאָס איז נישט קיין אויפנאַהם-צימער פון אַ דאָקטאָר, נור עפיס אַ טורן-האַלע, וואו ער, דער דאָקטאָר, איז נישט מעהר ווי אַ געניטער לעהרער פון גימנאַסטיק, וואָס שטעהט און קוקט-זיך-צו מיט גרויס צופרידענהייט צו די יונגען, און וועל-כע ער האָט פאַר שילער, ווי זיי מאַכען גענוי די איבונגען, די אַלע בעוועגונגען נאָכ'ן טאַקט אַזוי ווי אָבגעמאָסטען...

שטעהט ער, דער דאָקטאָר, מיט'ן רעהרעל אין האַנד. הינ-טער איהם—דער פעלדשער, אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע, מיט די פאַפירען אין האַנד, קאָמאַנדעוועט מיט די יונגען... די שורה, וואָס איז שוין אָבגעגאַנגען אַ מאָל פופצעהן הין-און-צוריק צום וואַנד—שטעלט ער אָב, און ס'איז צו זעהן: ווי דער דאָקטאָר געהט דענסטמאָל-צו, לעגט אַוועק צו איטליכען האַרץ דאָס רעהר-רעל, טהוט אַ האָרך אויף אַ רגע, און געהט איבער צום אַנדע-רען, צום דריטען, אַפנים: ער וויל אויפכאַפען די ווירקונג פון אָנשטרענגען-זיך—אויפ'ן האַרץ, און ס'טרעפט אויך, דאָס ביי וועלכען יונג שטעלט ער זיך אָב אַ מינוט לענגער, און פרעגט איהם אויס:

— ווי לאַנג ר'ליידטז..

— ווי ר'הייסט?..

און דרעהט-זיך תיכף אויס מיט'ן פנים צום פעלדשער, זאָגט איהם עפיס שטיל, פון וואָס יענער זוכט גלייך אויף די פאַפירען און פערשרייבט...

נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַלץ בעהאָרכט, גיט ער איבער דער שורה אַ צווייטע לעקציע פון זעצען-זיך אַרויף און אַראָב, אַראָב און אַרויף; און יענע, וואָס מאַכט וויטער אַלץ אַרויף און

אַראָב, רעֶוויזירט עֶר און הייסט: געֶהן הין-און-צוריק, גיט-איבּעֶר די עֶרשטעֶ'ס לעֶקציעֶ...

און חברה טוישט-זיך אַלעֶ ווײַלעֶ מיט די לעֶקציעֶס; די יעֶניגעֶ, וואָס איז געֶגאַנגעֶן הין-און-צוריק—ברעֶכט-זיך; די, וואָס ברעֶכט זיך—בּעֶוועֶגט-זיך נאָכרעֶם אַרויף און אַראָב, און איטליכעֶס מאָל, בּײַם איבּעֶרטוישעֶן די שורה צו דעֶר אַנדעֶרעֶר לעֶקציעֶ, געֶהט עֶר צו ווי פריהעֶר, דעֶר דאָקטאָר, לעֶגט-צו דאָס רעֶהרעֶל צו די העֶרצעֶר פון די יונגעֶן, בּעֶהאָרכט זיי, כאַפּט-אָב זייעֶר אָטעֶם, און נאָכדעֶם ווי זיי האָבּעֶן זיך שוין גוט אײַנגעֶמאַטעֶרט, געֶהט-איבּעֶר די שרעֶנגעֶ פון עֶרשטעֶן ביז'ן לעֶצטעֶן, און בּײַ וועֶלכעֶן עֶר שטעֶלט-זיך-אָב אויף אַ רגע, געֶהט-פּאָראיבּעֶר גלײַכגילטיג, בּײַ וועֶלכעֶן—עֶפּיס מעֶהר, פרעֶגט-זיך-אויס אַ וואָרט, מעֶהר-וועֶניגעֶר, גיט דאָס נאַכהעֶר איבּעֶר דעֶם פעֶלדשעֶר צום פעֶרשרײַבּעֶן, גיט-נישט איבּעֶר, קעֶנטיג: לויט זײַן ווילעֶן און אײַנזעֶהן...

און ווי עֶר, דעֶר דאָקטאָר, שטעֶלט-זיך-אָב בּײַ בּעֶריל'עֶן, בּעֶווײַזט-זיך אַ שמייכעֶל אויף זײַנעֶ ליפּעֶן, און עֶר בּעֶטראַכט איהם צופריהעֶר לויט'ן אויסזעֶהן, קוקט איהם אַרום, אַ טאַפּ די מוסקולעֶן, וואָס הענגעֶן אַראָב אַזוי שוועֶר, און פרעֶגט איהם אויס:

— ווי אַלט עֶר איז?..

— מיט-וואָס עֶר האָט זיך פעֶרנומעֶן?..

עֶנטפעֶרט איהם בּעֶריל געֶלאַסעֶן פון אַלעֶם, וואָס יעֶר עֶר ווייס; נאָר ווי דעֶר דאָקטאָר פרעֶגט ווײַטעֶר בּײַ איהם:

— צי עֶר איז נישט אַמאָל קראַנק געֶוועֶן?

— און ווי-לאַנג עֶר פיהלט-זיך אַזוי קראַנק?..

הויבּט עֶר, בּעֶריל, מיט די אַקסלעֶן:

— קראַנק איז עֶר קיינמאָל נישט געֶוועֶן; סײַ ס'איז אַנ'אופּן מ'זאָל זײַן קראַנק, און גאָר נישט וויסעֶן פון דעֶר קרעֶנק?..

שמייכעֶלט דעֶר דאָקטאָר און פרעֶגט:

— אויב ער ווייס נישט, אויף וואָס מ׳האָט איהם דאָ אַהערגעשיקט?..

הויבט ער מיט די אַקסלען:

— ער זאָל אַזוי נישט וויסען פון קיין שלעכטע „סלוזשבע״, ווי ער הויבט־נישט־אָן כון גאָר צו וויסען...

שמייכעלט ער, דער דאָקטאָר, און זאָגט:

— ער מעג זיך שוין צוריק אָנטהון... מאָרגען וועט ער פאָהרען אַהיים... ער זאָל זיך גאָר נישט שרעקען, ווייל ער וועט זיין פריי...

און אויף צומאָרגענס איז ער שוין, בעריל, אויסגעשריבען פון שפיטאָל.

א װעלנער.

ס׳איז שוין געווען שפּעט אויפ׳ן הערבסט. די בלאָטעס זענען געוואָרען וואָס־אַמאָל טיעפער, נור דאָ האָבען שוין די ווינטען אָנגעהויבען צו בלאָזען שאַרפער, שניידענדיגער, און זיי ווי אָבגעטריקענט; ביי טאָג האָט דער הימעל אָנגענומען אַזאַ אונפערענדערליכע מראה פון גראָהען שפּינוועבס, מ׳קאָן זאָגען: אַנ׳איינהייטליכען קאָליער פון אַלע טעג דורכאַנאַנד: גראָה־וואָלקענדיג, אַניִשט—גראָה בעפלעקט מיט ווייס, וואָלקענדיג־צוריסען, און טאַקי נאָך די אייגענע ווינטען נאָך האָט זיך אָנגעהויבען צו לאָזען שפּירען: ווי עס פערשווינדען די לעצטע שאָטענס פון זומער און הערבסט, און עס שפּרייט־זיך־אויס אויף זייער אָרט אַ צפון׳דיגקאַלטער ווינטער, ס׳בעט־זיך אַ ווינטער גאָר אויפ׳ן גרויסען אופן...

און וואָס די ערד איז שוין געבליבען נאָך איטליכע נאַכט מיט אַזאַ האַרטליכע שאָל איבערגעצויגען—דאָס האָבען די ווינטען געקענט, עס איז זייער מלאכה געווען... צומאָרגענס, אויפ׳ן טאָג, פלעגען זיי, וואָס דער אמת איז: פּלאַצען, נור פלעגט אַ וואָגען זיך פאַרביישלעפּען, זענען זיי שוין געוואָרען גוט אויסגעריסען; האָבען זיי געהאַט צו שלעפּען מיט די זייטען, געצויגען מיט אַלע כחות, די קעפּ פון די געשפּאַנען אַרויס פון דרויסען, קענטיג: ס׳איז זיי נישט גרינג אָנגעקומען... ס׳האָבען געטרעשצעט די ברעטער, געקרעכצט די רעדער, געסקריפּעט דאָס גאַנצע געשטעל, ווי ס׳וואָלט געווען עפּיס אין אַ סכנה, און אין דער בלאָטע איז שוין פערבליבען אַ „קאָליע“ פון צוויי לאַנגע טיעפע שניטען,

הָעלכֶע זֶענֶען זיך שוין ניט נישט פֶערגאַנגֶען פון שיטֶערקייט.
און געבליבּען שוין אַזוי אויסגעשניטען ווי פון אַ האַרטע רודע,—
און דאָט האָבען אַלץ די ווינטען געמאַכט, די ערשטע שוואַלבען
פון אָנקומענדען ווינטער...

דער „ליאָס” פון דעם יאָהר איז שוין געווען צום סוף;
לאַנג האָט שוין דער עולם געהאַט פערגעסען אין זיינע פריידען
און וועהטאָגען, אַראָבגעוואָרפען פון זיך די צייטווייליגע „פעק-
לעך”, און ביי וועמען ס'איז שוין אויך פערבליבען אויף תּמיד,
דער יעניגער סטאַרעט-זיך ווי וויט מעגליך דאָס צו פערדעקען,
צו פערשאַרען, פערווישען די שפּורען, ווארום אויף וויפיעל דאָס
איז פריהער געווען אַ מעלה, נאַטירליך: צום פּריזיוו,—איז עס
איצינד אויסגעקומען להיפך פאַר אַ גרויסען חסרון צו אַ שדוך;
און כמעט יעדער איינער פון די יונגען האָט זיך שוין אַרומגע-
טראָגען זיין צעטעל אין קעשענע... און אָט די אַלע יונגע-לייט,
בחורים, מיט די ווייסע און בלאָהע בילעטען אין קעשענע, האָבען
זיך דאָס אויסגעשטראַנצט ווי די „פּאַנעס”, נור די בחורים—יאַק
די בחורים, אָבער זייערע טאַטעס און מאַמעס האָבען דאָס אָנגע-
שטעלט אַ סטאָן, און זיך איינגעשאַצט דעם בילעט: מי יודע וואָס
ס'קומט זיי דאָ פאַר אַ כלות מיט גילדערנע קרוינען אויף די קעפּ,
און פון נדן'ס—גאָר נישט זיך אויסצוצאָהלען!..

אין שטאָדט איז צוריק איינגעטרעטען אַ נאָרמאַלע צייט, אַ
שטילשטאַנד. גאַנצע פּאַרטיעס פון די צוגענומענע רעקרוטען האָט
מען שוין פון לאַנג-אָן מיט איטליכען טאָג אַרויסגעשיקט וויט,
העט-וויט איבער רוסלאַנד, צושיקט אין די פאָלקען אַריין, איבער
די מדינות: סיביר... קאַווקאַז... אַסטראַכאַן... און נאָך... און נאָך...
מגולגל געוואָרען אין אַזעלכע שטעדט, וואו זייערע זיידעס האָבען
בודאי אין חלום נישט געזעהן און געהערט; צווישען אַזעלכע
מאָדנע מיני מענשען, וואָס זענען גאַנץ ווי בעזונדער צווישען
זיך, אָבגעטיילט לויט זייערע מנהגים און אַרט לעבען, לויט דער

פֿערשיעדענאַרטיגקייט און פֿיעל-פאַרביגקייט פֿון זייערע ליגנדע און אומנות...

און אַזוי האָט איטליכען טאָג דער צוג בענוי אויסגעשעפּט אַ פאַרטיע רעקרוטען. געלאָפֿען איז דער צוג יעדען טאָג פֿון מזרח אויף מערב, אַדורכגעשניטען-זיך אויך ווייטער צווישען דרום-און צפון, אַהין-און-אַהער, אַהער-און-אַהין, אין יעדער שטאָדט פֿון די אַלע שטעדט, וואָס אויפ'ן וועג, עפּיס אויסגעשפּיגען, פערלוירען, נאָכדעם צוריקגעקומען אויף דער אייגענעם אָרט—לעדיג, ווייטער זיך אָנגענומען מיט רעקרוטען, נאָכאַמאָל געטהון מיט זיי דאָס אייגענע וואָס פֿריהער, גראָד אַזוי ווי ס'געשיהט מיט אַ צעבער ביי אַ ברונען, וואו ס'ראָד הערט-זיך קיינמאָל נישט אויף צו דרעהען, און דער צעבער געהט אַלץ איינאיינעם אַראָב און אַרויף, געהט אַראָב און שעפּט-זיך-אָן מיט וואַסער און געהט אַרויף, לעדיגט-זיך-אויס פֿון אויבען און געהט נאָכאַמאָל אַראָב צום אָנ-נעהמען-זיך... אַזוי אָהן אויפֿהער...

נאָר אויב אַ ברונען נעהמט-זיך-אויס, מכל-שכן: די רעקרו-טען, האָט זיך דאָך דער קוואַל פֿון זיי אַודאַי אויסגעשעפּט; און געבליבען איז נאָכדעם פֿון דעם גאַנצען ים—אַ רעשטעל, אַ יתר הפליטה, איינער און איינער—געצעהלטע, און פֿון פֿיעל איינציגע—אַ גאַנצער באַרג... אַנ'אָרענטליך ביסעל מנינים פֿון שקצים מיט יונגען, וועלכע האָבען זיך פֿערשפּעטיגט אויף גאָר צום סוף, איז געוועהנליך די געשיכטע מיט די יונגען זיך פאָרצושטעלען אַזוי: דאָס צונעהמען זיי איז אַפּנים נישט אַזוי גרינג צוגעגאַנגען, ווי מ'שטעלט-זיך-פֿאָר... געוואָרפֿען זיי, געוואָרפֿען אין שפּיטאָל, און דאָרטען האָט מען, אַפּנים, נישט געקאָנט אַדורכקומען מיט זיך, זעצען אויף דער אייגענער דעה—האָט מען זיי אָבגעשיקט אין גובערניע; דאָרטען, אין גובערניע, זיך אַזוי לאַנג מתוכח-געווען און—צוריקגעשיקט אויפֿסניי אין שפּיטאָל אַריין, און קוים, קוים, נאָך די אַלע חלוקי-דעות, אַז מ'איז שוין געקומען צו וועלכען-ס'איז אַ הסכם—און אַזעלכען ווידער אָבגעשיקט פֿאַר אַ זעלנער...

דאָס איז מעהר-וועניגער די געשיכטע פון די פערשפּעטיגטע:

פון שפּיטאָל אין גובערניע, פון גובערניע אין „פּאָוויאַט“, אַהין-און-צוריק אַזוי, בינו לבינו איז געקומען ווינטער, און ווער פון די רעקרוטען ס'איז נישט אין דער שפּעטערער צייט אַוועק אַהיים, נור פערבליבען אַ זעלנער, דער דאָזיגער האָט זיך שוין געפונען צווישען די „איינציגע“, וואָס פון זיי איז שוין בעשטאַנען אַ היבש רעשטעל, און צוזאַמען זיך אַרומגעדרעהט אין גאַס; אין גאַס ווידער האָט זיך בעוויזען ווינטער. ווינטען האָבען געריסען, קעלטען — אַדורכגענומען ס'לייב, קאָן מען דאָך עפּיס נישט אַרויסלאָזען קאַזיאָנע מענשען אין גאַס, נאַקעט!.. וואָס, קאַזנאַ פערמאָגט אפשר נישט, זיי זאָלען האָבען אָנצוטהון?.. מ'האָט פאַר זייערטוועגען נישט אָנגעגרייט?.. און האָבען די רעקרוטען טאַקי אַרויסבעקומען פון „טשעכהויז“ אַזעלכע גראָבע ווייסע שטיוועל מיט לאַנגע כאָלעוועס, וואָס גערען איבער די קניע אַריבער, און ברייטע קיילעכדיגע שפּיצען — גאַנצע „יאַפּעס“! אַחוץ דעם — אַזעלכע ווייסע פּעלצלעך, קודלאַטע, וואָס פון הינטען טאַקי האָבען זיי געהאַט אויף זיך אַ געזונטע פּעל און מיט זיך געוואַרימט ס'לייב, נור וואָס פון אויבען איז אויף דעם נישט געווען קיין איבערצוג, ס'בלויזע ווייסע פעל ווי אַ ווייך נישט-אויסגעאַרבייט לעדער, ווי אַ ווייך-שטינקענדיג פעל, וואָס האָט גע'אַויר'ט אויף אַ מייל פון דערווייטענס; אויפ'ן קאָפּ — אַ גרויסע „פּאַפּאַכע“, אַזאַ הוט פון אַ שעפּסען-פּעל מיט גראָה-געפלעקטע, צי ווייסע אויף שוואַרצע קודלעס — און אַזאַ הויך, אַזאַ ברייט, וועלכע האָט זיך ביי יעדען איינציגען אַראָבגעלאָזט איבער די אויגען, אַז קוקענדיג אויף זיי האָט מען געקאָנט מיינען:

— דאָס די מענשען ריכטען זיך דאָ עפּיס אויף אַ גוואַלדיגען ווינטער, צי זיי גרייטען זיך אין אַ וועג-אַריין, אויף אַזאַ מקום, וואו ערגעץ אַזאַ ווינטער וועט זיי מקבל-פנים-זיין מיט ברייטע אָרמען...

און אַזוי זיך איז געווען שטיל. די לעצטע רעקרוטען פון'ם

פֿערגאַנגענעם פּריזיוו, אין דעם מאָדנעם אָנטהויבּך—פֿלעגען-זיך אַדורכשוואַרצען פֿאַר די אויגען, אַמאָל—דאָ, אַמאָל--אין אַנ׳אַנדערע גאַס, אַמאָל—איינציגע, אַמאָל—אין צווייען, אויך אין גאַנצע גרופּעס, און געוועהנליך, ווי זיי האָבען געפֿלעגט צו-וויכען-טהון פֿון זיך בקול רעש גדול,—איז דאָס פאָרגעקומען אַזוי: יודען, געוועהנליך, דרעהען-זיך אין גאַס, איינגעהויקערט אין דרייען פֿאַר קעלט—זוכען עפּיס צו מאַכען אַ געשעפטעל, ווי תמיד; ווייבער שטעהען אויף די נידריגע בענקלעך פאַר די פֿענסטער, פערקלעבען מיט ליים און טייג די שפּאַרעס מיט די שפּאַלטען, דענסטמאָל לאָזט-זיך הערען אַ געוויש, עפּיס אַ שטיל געוויש פון אַ ווייטע גאַס. דוכט-זיך: עפּיס איז דאָס אַזוי פרעמד, און דאָך—אַזוי בּעקאַנט, נור-וואָס ס׳אויער האָט זיך שוין אַ לענגערע צייט אָבגעוועהנט פון דעם צו הערען, און דאָס געהער כאַפּט-נישט גלייך אויף דעם ריכטיגען קלאַנג... ס׳געוויש קומט איינציגווייז העכער און נעהנטער, און דיזעלבע ווייבער נעהמען שפּרינגען פון די טישען, און די יודען—לויפען-אַראָב פון די גאַסען, פערשטעקען-זיך אין די טויערן, די טהירלעך פֿון די קראָמען פערשפּאַרען-זיך גיך און אַלענדיג ווי אַמאָל, און אַלע דערמאָהנען זיך׳ס גראָד ווי דענסטמאָל:

— ס׳זענען די לעצטע נאָכוועהען פון פּריזיוו, וועלכער איז נאָך-נישט אינגאַנצען פערשוואונדען...

און דער שכל גיט אָנצוהערען:

— דאָס עפּיס-עפּיס איז נאָך דאָ פאַרהאַן אין שטאָדט, אַ העקעלע איז פֿערבליבען ווי אַ טראָפּעלע פון אַ קליין וואַסערל, וואָס ס׳זומערל האָט שוין, דוכט-זיך, אינגאַנצען אויסגעטריקענט, נור אין מיטען קומט אַ רעגען און דאָס וואַסערל לעבט-אויף צוריק, שטעהט-אויף תחית-המתים, און נעהמט וואונדער בעווייזען: רייסען די טאַטרעס פֿון ברעג, אַראָבטראָגען ס׳היי פֿון די לאָנקעס, די תבואה פון די פעלדער,—אָט דאָס קליינע טראָפּעלע פֿינ׳ם אויסגעטריקענטען וואַסערל, ווי דאָס לעצטע רעשטעל פון דער גרויסער מחנה רעקרוטען, וועלכע איז שוין פֿון אַ גוטע מינוט

געלעגען ערגעץ אײַנגעקוועטשט: העט, העט, וואו, אין אַל־די גוטע יאָהר... אַז דאָס האָט זיך אָנגע׳שפּור׳ט, און ס׳האָבען־זיך צוקאָכט די בלוטען, צושפּיעלט די „אינסטינקטען” בײַ דעם און גענומען אַרבײַטען מעשים...

אין דער שפּעטער צײַט איז בעריל שײַגעץ געקומען אַהײם; אַהײם האָט ער געקאָנט קומען באַלד פון דער ערשטער מינוט־אָן, אַזוי ווי מ׳האָט איהם אויסגעשריבען פון שפּיטאָל האָט ער געקאָנט גלײַך צוריקפאָהרען, נור דאָ האָט זיך איהם אַרײַנגעלעגט די שטאָדט אין וועג ווי אַ נישט־גוט׳ס, און דוקא איהם נישט געלאָזט אַרויס; און אַזאַ טבע האָבען שוין אויך אַלע אַנדערע גרויסע שטעדט, וועלכע וואַרפען אַנ׳אויג אויפ׳ן מענש, צי דער מענש וואַרפט גאָר אַנ׳אויג אויף איהר, איז: שווער ביז מ׳קומט־אָן אין איהר, איז מען ווידער אָנגעקומען, איז: נאָך שווערער זיך צו בעפרײַען פון איהר... אַ שטײַגער: ווי אַ שלעכט ווײַב, וואָס לכתחילה קאָנסטו אויסשפּײַען די גאַל ביז דו זאָלסט קאָנען אָנקומען צו איהר, זי וועט דיר ווײַזען טויזענד חנ׳דלעך, מאַכען מינעלעך, פּיסעלעך, און קוים האָט זי דיך שוין אין איהרע לאַפּקעלעך, איז, געזעגען־זיך, ברודערל, דו וועסט שוין נישט מעהר אַרויסקריכען פון איהרע נעגעלעך, ווי־לאַנג זי וועט נאָך פּיהלען אין דיר אַ גאַנץ אבר׳ל...

געקומען און אַוועק מעלדען־זיך, האָט מען איהם שוין מעהר נישט אַרויסגעלאָזט; חלילה, נישט אַרויסגעלייגט פון די פּאַפּירען מיט אַ שמײכעל: ר׳איז פרײַ... ווי דער דאָקטאָר אין שפּיטאָל האָט עס אָבגע׳חוזק׳ט פון איהם, וואָרום אויב בעריל איז געווען אויף אַזויפיעל גראָבער־יונג, דאָס ער האָט־זיך נישט געקענט

אויף קיין געלעכטער, האָט ער גלייך איינגעזעהן: דאָס מ׳מיינט דאָ מיט איהם נישט קיין חוזק, ווייל מ׳האָט איהם גלייך אַראָבגעפיהרט אין „טשעכהויז״, איהם מלבוש־ערומים־געווען אין אַ פּאָר ווייסע עלעגאַנטע שטיוועלעך, מיט אַ ווייסען פּעלצעל און אַ הויכע פּאַפּאַכע, און צוגעזאָגט:

— דאָס האָסטו דיר, דו זאָלסט זיין גרייט, וואָרום מיט דער ערשטער פּאַרטיע וועסטו מיטגעהן אין וועג־אַריין...

איינגעזעצט איהם אין אַ קאַזאַרמע, נישט, חלילה, הינטער קיין „אָדוואַך״, אָבער — אַ „דניעוואַלני״ פאַר׳ן טהיר איז געזעסען, און אַרויסגעהן האָט ער דוקא נישט געלאָזען; איז ער געזעסען פאַר׳ן פענסטערל, ווי אַנ׳אַרעסטאַנט, אַ פויגעל אין שטייגעל, געקוקט אין דרויסען,—פאַר איהם איז געלעגען פעלד, פערוויינקט בלאָטיג פעלד, וואו־נישט־וואו—אַ הייזעל, ווייט אַרויפצוצוהער ביים וועג איז געווען אַ שלאַג־באַהן, און אויף די רעלסען איז אַלע ווייל דורכגעלאָפען אַ צוג: אַמאָל—אַ לאַנגער מיט רויטע וואַגאָנען, וואָס האָט זיך אַזוי שלעפעריג געשלעפט, און אַמאָל—אַ קורצער, פון עמאַלירטע וואַגאָנעס, פיף־פאַף,—אַזוי שנעל אָבגעשוועבט...

און קוקענדיג אויף זיי, האָט ער געטראַכט:

— אַז אַוועלכער פון די דאָזיגע צוגען וועט ווען־נישט־ווען דאָ אַמאָל אויך צו איהם דערגרייכען, צי ער וועט מעהר צוטיילען כבוד דעם צוג און קומען צו איהם, און צי דער דאָזיגער זאָל אויף זיין אַזאַ גיכער, אַ שוועבענדיגער, צי אַ רויטער—אַ שלעפעריגער, אַלץ־איינס, איין שוואַרץ יאָהר, וועלען זיי ביידע גלייך איהם פערשלעפען אין דער ערד־אַריין, און אַ חלוק איהם: צי ער וועט דאָרטען אָנקומען מיט אַ חודש פריהער, צי שפּעטער?...

און קוקענדיג דורכ׳ן פענסטער: ווי ס׳ווערט טאָג און ס׳ווערט נאַכט, און ער איז דאָ אַליין מיט זיך, און אַזוי ווייט פון שטאָדט, פון וועלכער ס׳קומט זעלטען־צו אַ קלאַנג פון איהר,

סיידען וועֶן ס׳ברעֶכט-אויס אין איהר אַ שריפה, און מ׳נעֶהמט קלינגעֶן אויף דעֶם איינציגעֶן גוואַלד-גלאָק, וואָס העֶנגט דאָ הינטעֶר׳ן שטאָדט, האַרט פאַר דעֶר קאַזאַרמעֶ, צוזאַמעֶנצורופעֶן די פייעֶר-לעֶשעֶר פון דעֶר געֶגעֶנד,—טראַכט עֶר דורכאַנאַנד:

— אַז, אייגעֶנטליך קומט איהם שוין מעֶהר די שטאָדט נישט; עֶר געֶהעֶר זיך לחלוטין נישט-אָן מיט איהר גאָר, און עֶר איז שוין גאָר נישט ביי זיך אין האַנד, אַ זעֶלבשטעֶנדיגעֶר מעֶנש, ר׳זאָל קאָנעֶן טהון וואָס ס׳האַרץ גלוסט איהם, און וועֶן אַ פינגעֶר זאָל איהם וועֶה-טהון—וועֶט עֶר זיך נישט טאָרעֶן אַליין פעֶרבינדעֶן; עֶר איז דעֶם קייזעֶר׳ס אַ מעֶנש, זיצט אויפ׳ן קייזעֶר׳ס קעֶסט, און אַלס אַזעֶלכעֶר מוז עֶר אויסהאָרכעֶן אַלץ וואָס דעֶם קייזעֶר׳ס מעֶנשעֶן אַרום איהם—ווילעֶן פון איהם האָבעֶן...

עֶר האָט עֶטליכעֶ מאָל געֶפרובט, ווי עֶר, בעֶריל, מיט זיינעֶ שקצי׳שעֶ אויפטהון און איינפאַלעֶן—זיך-אַרויסצובעֶקומעֶן פון דעֶר תפיסה, עֶפּיס מיט קונצעֶן, אָבעֶר די קונצעֶן האָבעֶן זיך אַלעֶ מאָל אָנגעֶשלאָגעֶן אין דעֶר וואַנד, זיי זעֶנעֶן תמיד בעֶצייטעֶנס בעֶמעֶרקט געֶוואָרעֶן; און איינמאָל, וועֶן עֶר האָט גאָר אינגאַנצעֶן געֶהאַט אויפגעֶמאַכט אַ פעֶנסטעֶר, און איז שוין געֶשטאַנעֶן מיט איין פוס אין גאַס, האָט איהם פלוצלונג אָנגעֶכאַפּט אַ „טשאַסאָוואָי" פאַר׳ן פוס, וועֶלכעֶר איז, ווייזט-אויס, געֶשטאַנעֶן פון דרויסעֶן, און האָט אויסגעֶשריעֶן:

— שטעֶה!... אַנישט, ריהרסט-זיך ווייטעֶר—שיס איך!..

און בעֶריל שייגעֶץ איז ווייטעֶר געֶבליבעֶן איינגעֶווייקט ביד שליש, און די שמירה—נאָך אַ גרעֶסעֶרעֶ, אַ פעֶרשטאַרקטעֶ—דעֶם קייזעֶר׳ס אַ מעֶנש. צו עֶסעֶן האָט איהם אַפילו נישט געֶפעֶהלט. נור אַ קלאָג איז שוין געֶוועֶן צו אַזאַ עֶסעֶן... דעֶם קייזעֶר׳ס קעֶסט איז בעֶשטאַנעֶן: פון אַ שפּאָרעֶ פּאָרציעֶ שוואַרץ ברויט איט-ליכעֶן פריהמאָרגעֶן מיט הייס-געֶקאָכט וואַסעֶר—„קיפּיטאָק"; נאָכ-דעֶם—אַ שותף מיט׳ן לעֶפעֶלעֶ, וואָס עֶר ווי אַלעֶ איבריגעֶ האָבעֶן געֶהאַט שטעֶקעֶן אין דעֶר כאָלעֶוועֶ—צו אַ גרויסעֶן ציבעֶר מיט

„קרופּע” צי שיִמעֶרעֶר באָרשט, קרויט מיִט אַרבעֶסעֶן, אַרום וועֶל־כעֶן ס'האָבעֶן זיך אַרומגעֶזעֶצט אַ שטיִק חברה־לײַט צעֶהן אויף־אַמאָל; און איִטליִכעֶר בעֶזונדעֶר שעֶפּט מיִט זײַן לעֶפֿעֶלעֶ פֿון ציִבעֶר איִן מויל־אַרײַן, און מחמת דאָס עֶסעֶן האָט פֿון תמיד געֶבריִהט, געֶוועֶן קאָכעֶדיִג, און ביִז מ'האָט דאָס דעֶרלאַנגט חברה'ן, איִז זי שוין געֶוועֶן גוט אויסגעֶהונגעֶרט — האָבעֶן זײ בײַם שליִנגעֶן זיך געֶבריִהט די צונגעֶן, געֶבריִהט בכלל דאָס מויל, ווארום,—עֶסעֶן ווילט־זיך, הונגעֶריִג צום טויט איִז מעֶן, און דאָ—מיִט די אויגעֶן חאָלט מעֶן געֶרן אײַנגעֶשלונגעֶן דעֶם ציִבעֶר קרויט... ווארום, אַז ס'האָט זיך געֶמאַכט: ס'האָט עֶמיִץ אויסגעֶפּעֶהלט צום מיִטאָג—האָט עֶר עֶס שוין שפּעֶטעֶר ניִשט געֶהאַט וואו אָבצוזוכעֶן... און אַ שטיִק איִבעֶר דעֶם אויך איִז זײ אַ שאָד־געֶוועֶן, די יונגעֶן, ס'זאָל זײ אַוועֶקקומעֶן אויף אַ האָר פֿון דעֶם טײַערעֶן מאַכל, ס'זאָל זײ אַ טראָפּעֶן ווערעֶן געֶמיִנעֶרט, געֶהן לאיִבוד, האָבעֶן זײ בשעת מעשה, ווי זײ האָבעֶן זיך אַרומגעֶזעֶצט אַרום ציִבעֶר, אַלעֶ אויסגעֶבויגעֶן די קעֶפּ איִבעֶר איִהם, און וואָס ס'האָט־זיך, פֿאַר הײַסקײַט, קאָ־כעֶנדיִגעֶרהײד—צוריִק אַרויסגעֶגאָסעֶן בײַ זײ פֿון די מײַלעֶר, געֶ־כלינעֶט־זיך, איִז עֶס ניִשט, חלילה, געֶגאַנגעֶן לאיִבוד, פֿעֶרפֿרעֶמדט געֶוואָרעֶן אויף דעֶר עֶרד, נור צוריִקגעֶקומעֶן צום פֿריִהעֶרדיִגעֶן קוואַל, איִן דעֶר שיִסעֶל...

און אַזוי האָט עֶר, בעֶריִל, גלײַך מיִט אַלעֶמעֶן געֶזופּט, און אַזוי האָט זיך גלײַך פֿון זײַן פּיִסק אויך צוריִקגעֶגאָסעֶן איִן דעֶם ציִבעֶר—ווי פֿון אַלעֶ פּיִסקעֶס בײַ די יונגעֶן און שקצים, און ס'האָט־זיך גאָר קײנעֶר ניִשט פֿון זײ „געֶבושיִדושעֶט”—געֶ'מאוס'ט, הײסט עֶס, און דעֶר ציִבעֶר האָט פֿאַר דאָס געֶהאַט די אײגעֶנעֶ מעֶלה וואָס אַ קוואַל, אַ שפּראָצעֶל, וועֶלכעֶר איִז נור פֿון אויבעֶן אַזוי קונציִג אויסגעֶאַרבײַט ווי אַ פֿאָנטאַן־בעֶקעֶן, אַז פֿון דעֶם, וואָס עֶר שפּריִצט אַרויס, שלאָגט־אַרויס פֿון זײַן טיִעֶפֿעֶניִש—ווערט קײן אײן טראָפּעֶן ניִשט פֿעֶרפֿאַלעֶן; און אַלעֶס איִבריִגעֶ, וואָס די מעֶנשעֶן בעֶווײַזעֶן ניִשט אויסצושעֶפּעֶן מיִט זײעֶרעֶ האָנד—קוּמט צוריִק אויף

דעם אײגענעם אָרט, און דאָס פֿערמינערן־זיך פֿון קוואַל װערט דורך אַ לאַנגע צײַט נישט אָנזעהענדיג, האָט נישט קײן בעדײַטונג; נור... אויב אַ קוואַל נעהמט־זיך אַמאָל אויס— װעט זיך אַ ציבער מיט קרויט נישט אויסנעהמען?... און נאָך: בײַ אַזאַ חברה זול'ל־וסובא'ס?..

פֿאַרנאַכט איז „פֿאָװיערקע”. אַרום נײַן אַזײגער מאַכט־מען נאָכאַמאָל די קונץ, און דענסטמאָל איז שוין אַזוי: װילסטו— מאַך די ברכה, לײען קריאת־שמע, אַנישט—קאָנסטו זיך אויסציהען בחרפתנו אויף דער קאָיקע אָהן קריאת־שמע־לײענען, און ליגען, קוקען:

— װי אַרום איז פֿינסטער... טונקעל... און װי איבער אַ לאַנגער און גרויסער קאַזאַרמע ליעגען אויף דער קויקע אַריבערגעהילט אײנער נעבען אַנדערען—די יונגען, און װעלכע פֿון זײ ס'ליעגען װאַכעדיג װי ער, אָבער ס'רוב ליעגען און כראָפּען שוין... שלאָפען... װײַל דאָ איז נאַכט... מ'הײסט מאַכען נאַכט... אָבער אין דרויסען איז נאָך טאָג... הויבט־זיך ערשט אָן אַ טאָג, חברה הויבט־אָן צו לעבען—אַ לעבען, לאָזט־זיך װאוילגעהן, נור ער אײנער ליעגט דאָ אַלײן אײַנגעװיקעלט, פֿערבראָקט װי אַ הערינג, אין אַ קאַזאַרמע, און הײַנט־מאָרגען װעט מען איהם שוין אויך נישט לאָזען ליעגען אַזוי, במנוחה, זיך אויסרוהען דאָס בינטעל בײנער, נור—װאַרפֿען, יאָגען, טרײַבען, אַרויסיאָגען פֿון זיך די געדערים, און דאָ בלײַבט איבער אַ שטאָדט נאָך איהם...

— — — — — — — — — — — —

און ס'איז געװען צום ערשטען מאָל, װי ס'זענען איהם געקומען אַזעלכע טרויעריגע רעיונות אין קאָפּ־אַרײַן...

נאָך אײניגע טעג אַרום בעװײַזט־זיך אין קאַזאַרמע דער סטאַרשי, און פֿערעגט־אויס בײַ איטליכען בעזונדער:

— צי זיי האָבען הויזען'ס?.. לייבלעך?.. העמדער?.. שפּענ-צער?.. אַזוי פון וועש און פון אַנדערע זאַכען, וואָס אַ זעלנער גויטיגט-זיך שטאַרק אין וועג-אַריין?..

קומט צו בערלען, הויבט-ער, ווי בעריל, מיט די אַקסלען:

— ר'האָט גאָרנישט...

שטעהט דער סטאַרשי אַ ביסעל אונצופרידען, און לאָזט איהם דערנאָך אַרויס, בתנאי זה:

— ער זאָל נישט אַנטקומען-ווערען, און אויף איבערמאָרגען אין-דערפריה זיך-צושטעלען אויפ'ן באַהן, שוין מיט'ן קעסטעל זאַכען...

מ'רעדט: צושטעלען—איז צושטעלען; בעריל'ס גנב'שע נאמנות, פאַר וועלכע מ'וואָלט געמעגט אַוועקגעבען אַ שבועה פון עהרליכ-סטען יוד—איז געווען צו גלויבען; און ווי ער האָט דערשפּירט די פריי, בערילע, גאָר נישט: ווי מ'וואָלט איהם אַראָבגענומען קיי-טען פון די הענד און פיס, וואָס ער האָט שוין געטראָגען צעהן יאָהר... ווי מ'וואָלט איהם אַ נייע נשמה אַריינגעבלאָזען... מיט'ן ערשטען גאַנג זיך אָבצוזוכען אַ היים, מילא, ס'איז גוט צו געהן—נור וואו האָט אַ הונד אַ היים?.. איז ער אַריינגעפאַלען צו לייזער'ן אין שינקעל, שוין אין דעם זעלנערישען אָנטהון, מיט'ן ווייסען פּענצעל, און האָט אַ ברען-געטהון מיט דער האַנד אויפ'ן קאַסע-טיש:

— אַ נו?.. ווער איז אַ יונג?.. געמיינט: גע'פגר'ט... אויס בערילע שייגעץ!.. כע-כע... נישט אַזוי גרינג צוקייט-מען אַזא העכט... כע-כע... נישט אַזוי גרינג לאָזט ער זיך אָבקאָכען און אַראָבשלינגען...

און ס'איז געווען: ווי ער האָט-זיך גוט אָנגעזויפען מיט ביער, אַזש דער מוח איז איהם שוין געווען גוט פערדרעהט, איז ער ראשית אַוועק צו די רייכע יודען פון שטאָדט, וועלכע'ס זיהנ'דלעך ס'האָבען שוין מיט מזל געהאַט אָבגעטאַנצט דעם פריי-זיוו, און אַלע כסדר געהאַט ליגען זייערע ווייסע און בלאָהע בי-

לעטען אין די קעשענעס—און האָט זיך געקלאָגט פֿאַר זײַ ס׳פּנים, צז״י, די אַלטע מעשה, נור מיט אַ נײַעם פּזמון:

— אַז... ער האָט גוט געוואוסט ס׳וועט אויסגעהן צו זײַן קאָפּ, און דאָס זײַערע זיהנ׳דעלעך וועט מען איטליכען בעזונדער נאָך דאָסיאָהר אויפשפּיעלען אַ פֿרעהליכען מזל־טוב, פֿיהרען צו דער חופּה—און איהם, בערלען, וועט מען פֿיהרען לעזאזל; ער וועט געהן אין דער אַדמה־אַרײַן, ליגען נײַן איילען טיעף אין דער ערד, און קאָפּען קאַרטאָפֿעל מיט דער נאָז...

און יודען גבירים, רחמנים בני־רחמנים, אין וועלכע ס׳האָט גובר־געווען ס׳געפֿיהל פֿון רחמנות, ס׳געפֿיהל, וואָס קאָן אַ שטיין ריהרען, נעבעך... אַנ׳אָרימער יונג געהט־אַוועק דיענען צו די זעלנער! און זיי האָבען אויסגעקראַצט, וואָס נור איינער האָט געקאָנט; דער דאָזיגער: אַ העמד... אַנ׳אָבגענוצט לײַבעל... יענער: אַ פּאָר גאַטקעס... נאָך איינער: אַ פּאָר קאָפּיקעס אויפ׳ן וועג־אַרויס, און אַזוי האָט מען איהם אין אַ געלעכטער צונויפגעשטעלט אַ קעסטעל אויפ׳ן וועג־אַרויס—פֿון כל־טוב; אַ קעסטעל—ווען גוט׳ס גינט... אַז ס׳האָט אין דעם נישט געפֿעהלט פֿון אַ טעוועלע באָדלען, צוויי קוילערלעך גאַרען, צוויי בערשטלעך צו די שטיוועל מיט אַ פֿונט שמירעכטס... און פֿון וועש־זאַכען: העמדער, גאַטקעס, האַנטיכער—אָבגערעדט...

פֿאַרטיג־געוואָרען מיט דעם איינעם, איז ער אַוועק אויפזוכען זײַן חברה... עפּיס פּאָרט: אַ לאַנגער שמואל געווען... אַ קלײַנער ברוך׳ל... און ווער נאָך אַלץ?.. ווער נאָך?.. דער רוח ווייס זיי אַלעמען צו געדענקען... נור—עפּיס־דאָך אַזוי פֿיעל געווען... אַזוי פֿיעל... און אַלץ גוטע ברידער פֿון קדמונים, און וואו זענען זיי אַצינד?.. גרינג צו זאָגען: געהן אויפזוכען!.. וואו גראָבט־מען זיי אויס?..

און ער האָט געזוכט אַ גאַנצען געהענדיגען טאָג, אַקעגען אָוונט ערשט זיי געפֿאַקט; און כאָטש דער סוואָנד פֿון פּריזיוו

זַיְנען שוֹין בַּיי אִיטלִיכְען בֶּעזוּנדֶער פוּן לַאנג גֶעהַאט אַרוֹיס פוּן קָאפּ, דָאך הָאבֶּען זֵיי אִין אִיהם אַצִינד בֶּעקוּמֶען ווִי אַנ'אַלטֶען הֵיימִישֶׁען גרוּס פוּן דֶער נִישט-לַאנג פֶערגַאנגֶענֶער צַייט, אַ ווַארִי־מֶע עֶרִינֶערוּנג פוּן דִי קָאכֶענדִיגֶע טֶעג, ווֶען ס'בּלוּט פלֶעגט אַלֶע ווַיילֶע אוֹיפקָאכֶען אִין דִי אָדֶערן, אוּן לוֹיפֶען שלָאגֶען פוֹיעֶרִים, שקָצִים, מְמִית'ן צוּם טוֹיט...

אַזוֹי הָאט אִיטלִיכֶער בֶּעזוּנדֶער אִיהם גֶעדרִיקט דִי הַאנד, זִיךְ גֶעפרֶעהט:

— אַ?.. בֶּערִיל?.. בֶּערִיל?.. מ'הָאט דָאך גֶעמֵיינט: דוּ לֶעבּסט שוֹין גָאר נִישט אוֹיף דֶער ווֶעלט!.. אַז דוּ בִּיסט שוֹין עֶרגֶעץ אִין דִי ווַייטֶע מְקוֹמוֹת... זֶעה נוּר ווִי מ'הָאט דִיךְ עֶפּיס אוֹיסגֶעקלֵיידט!.. ווַא... ווַא... אוּן דוּ אַלֵיין דֶערקֶענסט דִיךְ נָאךְ?.. אַ זֶעלנֶער בְּנֶאֱמָנוּת, גָאר נִישט דֶערזֶעלבֶּער בֶּערִיל... ווֶער הָאט דִיךְ אַזוֹי מַלבּוּשׁ-עֲרוּמִים-גֶעווֶען?.. בֶּערִילֶע!.. בֶּערִילֶע!.. קוּק דִיךְ נוּר זֶן!..

אִין בֶּערִיל'ס אוֹיגֶען זֶענֶען גֶעשטַאנֶען טרֶערֶען.

נוּר נִישט אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי דֶערפרֶעהט מִיט אִיהם, בַּיי ס'רוֹב גוּטֶע בּרִידֶער הָאט עֶר אָבּגֶעשנִיטֶען מִיט אַ טרוּקֶענֶעם קַבָּלַת-פָּנִים, ווַייל דִי יֶענִיגֶע גוּטֶע בּרִידֶער זֶענֶען שוֹין גָאר אַנ־דֶערֶע מֶענשֶׁען גֶעווֶען, אִיבֶּערהוֹיפּט זֶענֶען דִי מוּחוֹת גֶעווֶען אָנ־גֶענוּמֶען מִיט דִי טַעֲנוֹת אוּן גֶעקרִיגֶערַייען פוּן זֵייעֶרֶע פָאטֶער-אוּן־מוּטֶערס, אִין-דֶערהֵיים, ווֶעלכֶע הָאבֶּען גֶעשטרֶעבּט מִיט'ן גַאנצֶען הַארצֶען צוּ יֶענֶער צַייט: זֵיי מְזַכֶּה צוּ זַיין מִיט ווַייבֶּער...

— אוּן טַאקִי ווֶען דֶען?.. אַ בָּחוּר נָאךְ אַ לִיאָס—טָאר-נִישט ווַארטֶען... שוֹין ווִי עֶר גֶעהט-אַרוֹיס פוּן דֶער „פּרִיסוּטסטווִיֶע” מִיט'ן בִּלֶעטֶעל אוֹיף דֶער הַאנד, זָאל עֶר כַאפֶּען אוּן טהוּן ווִי ס'גֶעהט אוּן שטֶעהט... אַ נִישט—אִיז דָא מִיט אִיהם דֶער אֵייגֶענֶער דִין, ווָאס מ'ווֶעט אָנכַאפֶּען אוּן פֶערגלַייכֶען, זָאל זַיין מִיט אַ בֵּייגֶעל: אַ בֵּייגֶעל, ווָאס גֶעהט עֶרשט אַרוֹיס פוּן אוֹיווֶען אַ הֵייסֶער, אַ קָאכֶעדִיגֶער, בּרִיהט דִי הֶענד, אוּן הָאט נָאךְ דִי גַאנצֶע פַּארבּ, אוּן

מ׳כאַפּט איהם; און אַזוי ווי מ׳לאָזט איהם ליעגען ביז אויף צומאָר־גענס, ווערט ער שוין אַלט, איינגעדאַרט, און מ׳ריהרט־זיך נישט־צו צו איהם—אַזוי איז דער איינענער דין אויף מיט׳ן בחור; וואָרום, קוים לעגט־מען איהם אַוועק אין דער לאַנגער באַנק־אַריין—יהי מונח עד שיבוא אליהו, מעג ער זיך שוין רוהיג ליעגען ביז אליהו וועט קומען...

און פונדעסטוועגען האָט נאָך חבורה בעוויזען אויפצוקלויבען זיך ביינאַכט צו לייזער׳ן אין שיינקעל, און טאַקי אויף פאַר זיין כבוד וועגען—בעריל׳ס, און צוזאַמען מיט איהם מאַכען אַ לחיים; און טאַקי איינגעריכט נ׳כבוד פאַר זיינעטוועגען, וואָרום נישט ער—וואָלטען זיי צו אַ לייזער׳ן אין אַ שיינקעל נישט אַריינגעשמעקט... וואָרום: ווי פּאַסט עס דאָך פאַר יונגע בחורים, וואָס שטעהען שוין אין שדוכים, זיך־אַוועקצוזעצען אין אַזאַ קנייפּע, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס?.. אַ, וואָס?.. די יענינגע האָבען נעכטען געקלערט וועל־טען, די שטאָדט איבערגעדרעהט, איז אַ תירוץ: אַ פּריזיוויניק... אַ רעקרוט... און היינט ברויך־מען שוין זיין אַ לייטישער בחור, אַנישט קאָן עס פיעל שאַדטען... וואָרום, נישט איין יוד, וואָס האָט זיצען אין־דערהיים אַ בתולה, קוקט־נאָך וועלכען יונג און האָט איהם גוט אין זין—דאָס ווייסען אַלע יונגען... און מיט דער איי־גענער פרעהליכקייט, מיט דער געמאַכטער—ווי געזאָגט, האָט מען געטרונקען דאָס גלאָז ביער, און ביים טרינקען האָט זיך דעם לאַנגען שמואל גאָר געטומעלט אין קאָפּ עפּיס איבער די גלה, וואָס ער האָט ביי־טאָג געזעהן: אַ וואוילע מויד מיט אַ פּאַרב׳ל אויף די בעקלען, אַן׳איינגעשניערט פּיסקעלע, וואָס בעט־זיך נור קושען... און האָט זיך אַזוי אַגב געטראַכט: אויב דער מחותן וועט דערלעגען נאָך די צוויי מאות צום נדן—איז׳ס גוט; אַלא ניט—דאַרף־מען נישט; וועט׳ס אויך זיין גוט... וואָרום, די מויד איז איהם געפעלען געוואָרען פון דער ערשטער מינוט, און אַליין באַלד איינגעגאַנגען אויף אַלעם, אַחוץ וואָס דער פאָטער זיינער האָט זיך איינגעשפּאַרט: „וואָס?.. אַ יונג מיט אַ בלאָהען בילעט—

ער וועט נאָך בעקומען אַ כלה מיט אַ באַרג געלד: מוידען פֿעהלען נישט!..” נור דאָס איז אויך, ווייס ער, לפנים, אויף דערווייל, ווייל ער רעכענט: עפּיס נאָך יוצא-צו-זיין, אָבער אין האַרצען— בעשטעהט ער... און וועט ער, דער מחותן, דערלעגען די צוויי הונדערט קאַרבען—איז גוט; אֶלא נישט—וועט אויך זיין גוט...

און דער לאַנגער, אַז דער קאָפּ האָט זיך איהם גוט געהאַט פֿערדרעהט, האָט ער שוין פֿערגעסען צוליעב וואָס ער איז דאָ פֿהערגעקומען טרינקען... און אַז ער געפינט-זיך ביי לייזער׳ן אין שיינקעל... אין מוח האָט זיך איהם אָהן אויפהער געדרעהט עפּיס, געטומעלט וועגען דער כלה, די מויד, וואָס ער האָט ביי־טאָג געזעהן, און וועגען די קלינגערס מיט די מעלות, וואָס דער שדכן האָט איהם פֿאַר אַ גאַנצען טאָג אָנגעקלאַפּט אַ פולען מוח... און געדוכט האָט-זיך איהם: ווי ער זיצט-זיך גאָר ביים מחותן אין שטוב, ס׳איז תנאים... ער איז חתן... אין שטוב געפינען-זיך די מחותנים... כתם יודען... די גוטע ברידער... ערשט די כלה... די, וואָס מיט׳ן איי־געצויגענעם פּיסקעל און פֿערריסענעם נעזעל... די ברויך דאָך גלייך אַריינקומען פֿון דער צווייטער שטוב... אָנגעטהון אין אַ ווייס-זיידען קלייד, זיין מוטער טהוט-איהר-אָן אויף׳ן האַלז די גאָלדענע קייט מיט׳ן זייגער... זי קומט טאַקי נישט אַזוי גיך, אָבער זי וועט דאָך קומען,—ווי געשיקט-זיך עס עפּיס אַ תנאים און אַ כלה זאָל פֿעהלען?..

— — — — — — — — — — — —

און כאָטש דער עולם האָט געזויפֿען, צוויי פעסלעך ביער זענען שוין געוועזן אויסגעלעדיגט, האָט-זיך דאָך עפּיס געפיהלט ווי ס׳פֿעהלט דאָ עפּיס; דאָס גלייכגילטיגע, דאָס קאַלטע האָט נור געבלאָזען פון די פּנים׳ער, אויס התלהבות, אויס ברען פון אַמאָל— אויס רעקרוטען! און ס׳איז מיט אַ שכל: יעדע שמחה האָט זיך איהר צייט און אַרט, אַ יוד וועט-זיך קיינמאָל-נישט אַזוי משמח-זיין אין אַ פּראָסטען טאָג, ווי אַשטייגער: אין שמחת-תורה... און זאָל אַזעלכער וועלען מאַכען שמחת תורה אין אַ פּראָסטען מיט-

וואָך—וואָס פֿאַר אַ טעם וועט עס האָבען?.. וועט עס נישט היי־
סען זיך־געפרעהט, ניר „געשבור'ט"... נישט מעהר און נישט וועני־
גער—אַ שבור... עבר זמנו—נישטאָ קיין שמחה...

אין דרויסען איז געוועזען נאַכט. נישט קיין גאַנץ טונקעלע
נאַכט. די לבנה האָט געשיינט, אָבער דאָך—נאַכט. פֿינסטער. חברה
שקצים, וואָס אין די ווייסע פעלצלעך מיט די ווייסע שטיוועל,
האָבען זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי די שדים, און געמאַכט עפּיס אַזאַ
מאָדנעם איינדרוק מיט די הויכע „פּאַפּאַכעס", וואָס זענען געוועזען
ווי איינגעטונקען אין לבנה־ליכט... וויסענדיג: ס'איז זייער לעצטע
נאַכט פֿון זיין־דאָ אין שטעדטעל, און אַז מאָרגען געהען זיי שוין
אַוועק ביז איינעם אויף „סלוזשבע", האָבען זיי זיך צוזאַמענגע־
קליבען און זיך פֿאָרגעזעהן: איבערצולאָזען אַ לעצט־געלד אין
שטאָדט... און צו דעם ברויך־מען זיך דאָך עפּיס פֿרעהליך מאַכען,
אַנישט—הויבט־זיך באַלד נישט־אָן, ווייל זיך קיין האַנד נישט בעוועגען,
איז דער פוס ווי איינגעפרוירען... געה, הויב אַ פוס, אַז
די כלי־זמרים האָבען נישט נאָך אָנגעהויבען!.. קריכט־מען, פֿער־
שטעהט־זיך, אַריין צו אַ גוי אין שיינק, מ'נעהמט צו ביסלעך ווייַן
און מ'לאָזט־זיך אַרויס בכבוד־גדול אין געסעל; אָנגעטרעטען אויף
אַ קאָרק—הייסט שוין שכור. ברויך־מען שוין דאַן אויסצאָהלען־זיך
מיט אַ האַלבע וועלט, און מ'נעהמט־זיך מאַכען אַנ'„אָרדנונג" אין
שטעדטעל.

אָנהויבען הויבט־עס־זיך־אָן, געוועהנליך, ביי אַ יוד, וואָס
מ'וואַרפֿט איהם אַראָב ס'היטעל פֿון קאָפּ; איז דער יוד אַ חכם, און
פערשטעהט: ס'היטעל איז נישט מעהר ווי אַ צוטשעפּעניש, כאַפּט
ער זיך ס'היטעל און געהט־זיך זיין וועג'ס; מאַכט־זיך נישט־וויסען,

ווישט זיך אָב דאָס מויל, פונקט, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געהט-אַוועק וויַטער, און טראַכט-זיך: לאָזען זיי קומען אויף אַנ-דערע הענד... וואָס, וועט ער זיך אֶפשר געהן שטעלען מיט זיי?.. געהען זיי און טרעפען באַלד-אָן אויף נאָך אַ יוד, מאַכען זיי שוין אַ טריט וויַטער: זענען איהם מכבד מיט אַ שטעקען איבער'ן פליי-צע, די אייגענע מעשה: איז דער יוד אויך אַ חכם, ווישט ער זיך-אָב ס'מויל און געהט-זיך זיַן וועג'ס... געהט-זיך אַזוי די חברה, זינגט-זיך אַ ליעדעל, און מעשה זעלנער—האַלב-שכור'ליך, מ'טרייבט אַראָב אַלעמען פון טראָטואַר; און וואו אַ יוד בעמערקט זיי נאָך פון-וויַטען—פעררוקט ער זיך אין אַ ווינקעלע מיט אַ קלאַפענדיג האַרץ, און אָדער ער געהט באַלד אַוועק, אַנישט—לאָזט ער זיי אַדורך... און וועלכער קרעמער ס'איז קלוג--געהט-ער-זיך צופריהער אַרויס, שפּאַרט-צו די טהירלעך פון זיַן קראָם; איז דאָך אָבער צווישען יודען-קרעמער פאַרהאַן שלעק אויך, אַזעלכער וואָס ווערט מ'כלומר'שט אַ תקיף און וויל בשום-אופן נישט פערשפאַרען די קראָם—אַזוי האָט ער גלייך די חברה ביי זיך, אינווענינ... פון קאַסע-טיש ביז העט אַרויס אין גאַס-אַריין, פאַקט-זיך חברה אַריין, מ'פרעגט קיין שאלות נישט, און מ'לעגט, אָהן טענות ומענות, אין די קעשענעס-אַריין... צוקערלעך... קאַרמעלקעס... פאַפּיראָסען... ווי און וואָס ס'לאָזט-זיך...

הויבט-אויף דער קרעמער אַ גוואַלד, (לכתחילה: אַ שענע זאַך, כ'לעבען, צוערשט אַ וואוילער, דערנאָך, אַז מ'פיהרט איהם אין באָד-אַריין...), שרייט שוין אויך דאָס וויַב, שרייט באַלד ס'גאַנצע הויז-געזינד... שרייען אַלע פון קליין ביז גרויס... הערט-מען דאָס געשריי אין אַנדערע גאַסען, פערהאַקט-מען די קראָמען אויף די פרענטען, בעהאַלט-מען-זיך נאָכדעם אין די שאַנק, אין די בעטען, אויף די בוידעמער און קעלער'ן... מ'שליסט-אָב די טויערן... אומעטום וויַיס מען:

— ס'האָט-זיך שוין אָנגעהויבען!..

דערגרייכען אויף די געשרייען פון דעם הויז-געזינד, מיט

די געלעכטער'ן פֿון די שקצים, צו לייזער'ן אין שיינקעל,—לאָזט מען אַ ווײַלע שטעהן די גלעזער ביער און מ'בלײַבט זיצען פֿער'חוש'ט, און איידער וואָס און ווען, מ'ווערט געוואָהר וואָס אין דרויסען טהוט־זיך, שטעהט שוין בעריל שייגעץ און מינטערט:

— קינדער, מ'טאָר נישט שלאָפֿען... מ'ברויך דאָס נישט דערלאָזען... אַ רוח אין זייערע ממזר'ישע הערצער... איך בין אויך אַ זעלנער... זאָל מען זיי וויסען: שטאָדט איז נישט הפקר... און אונז זע'מיר נאָך נישט אויסגעשטאָרבען!.. געבען זיי אַ גוטען לעצט־געלד...

אָבער חברה ריהרט־זיך נישט; מ'שפּירט, פשוט: ס'זענען נישטאָ מעהר יענע כחות, ווען מ'איז געווען רעקרוטען... וואָרום, ווי פאַסט דאָס עפּיס פֿאַר בחורים, יונגע־לײַט, בעפרײַטע, וועלכע שטעהען שוין אין שדוכים—זיך־געהן שלאָגען... זיצט־מען ווי צו־געשמידט... און מ'איז אַזוי צוריקגעהאַלטען... די געשרייען ווע־קען נישט מעהר... פֿערפּרישען נישט די אויגען... נור וואָס איין בעריל שייגעץ פֿערגעסט־זיך אויף אַ רגע, ער געדענקט גאָרנישט. צי חברה איז מיט איהם, צי ר'איז אַליין, ער ציהט־אַוועק, אַהין, פֿון־וואַנעט די געשרייען קומען... ער לויפֿט איבער די גאַסען ווי צוטומעלט, די הענד אָנגעצויגען שטײַף, און מ'ז'ן גאַנצען כעס פאַלט־ער־אָן אויף די שקצים, שנײַדט מכות־רצח; איינער־אַליין צווישען אַ באַרג שקצים—קאָן ער זיך דען אַנ'עצה־געבען?.. דאָ אַ קלאַפּ, אַ פליק; און ווען ער זאָל דאָך נישט צומאָל אָבהיימען אַ שייגעץ אויפ'ס טויט,—וועלען זיי דאָך איהם צורײַסען אויף שטיק־שטיקער... פיהרט ער זיך אַזוי: ווען ער כאַפּט־אָן פֿאַר'ן קאָפּ מיט ביידע הענד, זאָהן טענה־מענה—אַ ברען מיט איהם אין אַ פענסטער; איז נישט בלויז וואָס ס'פענסטער דערלאַנגט אַ ברען, אַ קלינג, און ס'שיטען־זיך־אויס די שויבען, נור דער קלונג גופא וואַרפֿט־אָן אַנ'אימה אויף די שקצים, און די מהומה ווערט גרויס, גרעסער נאָך איטליכען ברזשאַזג, וואָרום שקצים—דאָס זענען נור גרויסע בעלנים אויף צו שלאָגען־זיך, ווען ס'וויים: ס'וועט זיי אָב־געהן... און קוים פיהלט דאָס: מ'קאָן דאָ ברויכען צו בעצאָהלען

מיט׳ן קאָפּ—לוינט דאָס גאַנצע עסק נישט... און יענער שייגעץ וואָס בעקומט די מתנה פון בעריל׳ען—יענער מעג-זיך שוין גלאַט געזעגנען מיט׳ן לעבען... אויך אויב נישט אויף תמיד—איז, לכל־הפחות, אויף אַ פּאָר חדשים... ווען אַזעלכער שלעפּט אַרויס נ׳קאָפּ פון פענסטער, איז דער אַזוי צובלוטיגט, צוקאַליעטשעט, אָבגעשיילט, צו׳דמ׳ט, גיסט זיך ס׳בלוט ווי פון אַ געקוילעטען אָקס...

און די שקצים זעהען: אַ׳איינגענער שלאָגט... עפּיס אַ רעקרוט, אַ זעלנער, אויך אין אַ ווייס-פּעלצעל, און ווייסע שטיוועל מיט אַ פּאַפּאַכע... ווייסען זיי נישט, וואָס דאָס זאָל בעטייטען?.. און אויב דאָס איז נור איינער צווישען זיי, און ס׳געפינען-זיך נישט אַ סך אַזעלכע, וואָס שלאָגען... אַ סך אַזעלכע אייגענע זענען-זיך אָנגעלאָפען פון גאָר די וועלט, און אָנגעפאַלען אויף זיי,—קומט אויף זיי, אויף די שקצים, אַ צומישונג, און צולויפען זיך וואו די וועלט האָט אַנ׳עק...

אויף צומאָרגענס האָט-זיך בעריל שייגעץ שוין געפונען אויפ׳ן וואָקזאַל, צוזאַמען מיט דער גאַנצער חברה, וואָס ער האָט זיך נעכטען געשלאָגען... געשטאַנען צווישען די רעקרוטען אין דער ריי, וועלכע זענען נאָך געווען פון איהם אַזוי צוקיילט און צובײלט, מיט אויפגעהאַקטע קעפּ, געשוואָלענע, און גלייך אָנגעוואַרט דעם צוג, וואָס ברויך קומען און זיי אַלע איינמאָל פאַר אַלע-מאָל צוגעהמען פון שטאָדט ביז איינעם...

פאַר׳ן אַראָבגעהן אויפ׳ן וואָקזאַל איז ער צופריהער אַריינגעפאַלען צו לייזער׳ן אין שיינקעל; אויף צום לעצטען מאָל זיך געזעגנען מיט איהם, מיט זיין ווייב, מיט זיין שיינק, און אַגב זיך אַזוי פערקנאַקט, אַז אַרויס האָט ער קוים געקאָנט געהן, קוים-

קוים איינשטעהן אויף די פּיס און זיך-געמוזט אָבהאַלטען בּיי די וואַנד, ער זאָל נישט אומפאַלען...

אויפ׳ן וואָקזאַל האָט ער שוין אָנגעטראָפען דעם לאַנגען שמואל, דעם קליינעם ברוך׳ל מיט דער גאַנצער חברה, וואָס איז זיך געקומען מיט איהם געזעגנען... בעריל איז געוועזן שכור ווי לוט, דאָך האָט ער זיך אַצינד ווי פאַר עפּיס געשראָקען... ער האָט געזעהן די יונגען, געזעהן די רעקרוטען אין די ווייסע פעלצלעך, מיט וועלכע ער פאָהרט צוזאַמען אַוועק, און זיי האָבען זיך דאָס אַוועקגעשטעלט אַזוי זאָרגלאָז, אַוועקגעזעצט אויף די קעסטלעך און רוהיג אָבגעוואַרט דעם צוג, מיט אַ קאַלטע לונג-און-לעבער, און ער איז איינער-אַליין, אַן איינציגער יוד צווישען אַזוי פיעל גוים, האָט איהם צוגעצויגען בּיים האַרץ, און ער האָט זיך גאָר ווי בּעזונדער אַוועקגעשטעלט בּיים אייזערנעם פּאָרענץ, וואָס איז געוועזן אויסגעבּויט פון דיקע אייזערנע רעלסען, זיך צוגעשפּאַרט און אַראָבּגעלאָזען נ׳קאָפּ, די פּיס ברעכען-זיך... דער קאָפּ האַקט... דער מוח שווינדעלט... די גאַנצע וועלט דרעהט-זיך...

אין בּעריל שייגעץ, אויב ער איז אַ כוואַט, אַ יונג, וואָס האָט געקאָנט געהן דעם טייוועל אין די אויגען—האָבּען-זיך דאָס-מאָל געשטעלט טרערען אין די אויגען... ער האָט אַצינד מיט איינמאָל בּענומען די גרויסקייט פון זיין בּראָך, אין זיין שכור׳ען מוח האָבּען-זיך אויסגעמישט די יונגען מיט די הייזער, די רויטע וואַגאָנען פון די לאַסט-צוגען, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די הינטערשטע רעלסען—זיי האָבּען-זיך אַזוי צוזאַמענגעוויקעלט ווי נאָך אַ שווערע קאַטאַסטראָפע, אין אַ שווערען געפעהרליכען קלימ-פער... און עס האָט נישט אויפגעהערט נאָכאַנאַנד צו שרייען צו איהם, פון אינוועניג:

— ער זאָל געדענקען, דאָס צום לעצטען געפינט ער זיך דאָ אויף דעם אָרט... און ער וועט שוין בּעשטימט נישט מעהר קומען אַהיים... פון די זעלבער וועט ער שוין נישט מעהר צוריק

אַרויס... ס׳גאַנצע לעבען פערבלייבען אַ זעלנער... שטאַרבען אַ זעלנער...

די יונגען רעדען איהם אויס:

— ער זאָל זיך נישט שרעקען... אַראָבפּאַלען ביי זיך.. נישט קיין מורא-האָבען, און דער עיקר—נישט זיין ק. ן יאָלד... „סלוזשבע” איז נישט געמאַכט-געוואָרען פאַר קיין הינד... און אַ זעלנער איז נישט קיין בער...

בעריל האָט נישט צוגענומען קיין טרייסט...

ווען דער צוג איז אָנגעקומען, די מענשען האָבען זיך גענומען פּאַקען אין די וואַגאָנען, דאָס לעצטע רעשטעל פון די רעקרוטען האָט שוין געהאַט פערנומען ערטער אין וואַגאָנען, און ס׳איז איהם אויך שוין אויסגעקומען אַרויפצוגעהן אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן, האָט ער געשפירט, ווי די קניע ברעכט-זיך אונטער איהם, וואַקעלט-זיך, און געפיהלט-זיך אַשטייגער: ווי אַ פער׳-משפט׳ער צום טויט, וואָס מ׳פיהרט איהם צו דער תליה הענגען, און ער געהט אַרויף אויפ׳ן בענקעל, מ׳פערלעגט איהם דעם שלייף אויפ׳ן האַלז, און מ׳וועט איהם באַלד אַוועקנעהמען ס׳בענקעל פון זיינע פיס, און ער וועט בלייבען הענגען אין לופטען, זיך צאַפּלען, צאַפּלען...

און ער האָט שוין מעהר נישט געקאָנט אויסהאַלטען... די טרערען האָבען איהם געשטיקט... געגאָסען-זיך איבער די באַקען... און ער האָט אַראָבגעכאַפּט דאָס היטעל פון קאָפּ, גענומען פאָכען מיט דעם איבער אַלעמענס קעפּ, און שרייען מיט זיין הייזעריג און פער׳שכור׳ט קול:

— פּראָשטשייטיע!.. בלייבט געזונד!.. פּראָשטשייטיע!..

און דאָ האָט ער דערפיהלט, ווי ס׳האָט זיך איהם עפּיס אָבגעריסען ביים האַרץ... ער האָט אַ קוק-געטהון און געזעהן: ער איינער-אַליין שטעהט אינ׳ם וואַגאָן... און באַלד וועט דער צוג ריהרען מיט איהם... און אונטען שטעהען אַלע זיינע גוטע ברידער; דער לאַנגער שמואל... דער קליינער ברוך׳ל... און נאָך...

און נאָך... אין אַ געֶפֿיהל פון פּעֶרדרוס האָט איהם אַדורכגעֶנומעֶן, גראָד ווי זיי, די אַלעֶ יונגעֶן, וואָלטעֶן שולדיג-געֶוועֶן וואָס עֶר געֶהט-אַוועֶק, און אין זיך געֶהאַט:

— העֶ!.. אַזוי טהועֶן גוטעֶ ברידעֶר?.. פיהרעֶן אַנאייגעֶנעֶם אין באָד-אַריין?.. אַלעֶ בלייבעֶן - איבעֶר אין-דעֶרהיים, און איהם שיקעֶן זיי אַוועֶק, איינעֶם אַליין, פון אַ גאַנצעֶר שטאָדט?..

עֶר האָט אַציינד עֶרשט פֿעֶרשטאַנעֶן זיין קלאָג, בּעֶנומעֶן די גרויס פון זיין בראָך, אָבעֶר אָנשטאָט עֶר זאָל חרטה-האָבּעֶן אויף דעֶם, וואָס עֶר האָט אַדורכגעֶלאָזעֶן די גאַנצעֶ צייט, זיך-אַליין פֿעֶרזעֶהן... איז דאָס געֶפֿיהל פון כעס און שנאה ביי איהם געֶ-וואַקסעֶן, געֶשטיגעֶן... עֶר איז אַראָב פון וואַגאָן און געֶנומעֶן מאַ-כעֶן מיט די העֶנד, לעֶגעֶן ברעֶטעֶר צווישעֶן זיינעֶ אייגעֶנעֶ גוטעֶ ברידעֶר, אָט צווישעֶן די אייגעֶנעֶ גוטעֶ ברידעֶר, וואָס זעֶנעֶן איהם געֶקומעֶן בעֶגלייטעֶן...

— אין דעֶר עֶרד-אַריין מיט'ן קאָפּ, גוטעֶ ברידעֶר!.. אַ גוטעֶר ברודעֶר זאָל מעֶהר נישט געֶדאַכט-ווערעֶן... זאָל-מעֶן איהם נישט קעֶנעֶן!.. זאָל-מעֶן-זיך פריהעֶר לאָזעֶן נ'קאָפּ אָבהאַקעֶן, איידעֶר זיך אָבגעֶבעֶן מיט איהם!..

פארלאג „די צייט״

WYDAWNICTWO „DI CAJT“

Warszawa, Twarda 4/2.